STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06133

# BARIKHT FUN DER AMERIKANER IKOR EKSPERTN-KOMISYE

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# באריכט

פון דער

אַמעריקאַנער

## איקאָר עקספּערטן־קאָמיסיע

צוגעשטעלט דעם „איקאָר" פון די
מיטגלידער פון דער קאָמיסיע:

פּראָפעסאָר פרענקלין ס. העריס,
בענדזשאַמין בראַון,
דזש. ב. דייווידסאָן,
דר. טשארלז קונץ,
קיפער ב. סאָולס, און
ל. טאַלמי.

# אינהאַלט:


1) אריינפיר:

דער עקאָנאָמישער און היסטאָרישער הינטערגרונט פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ראַטן־פאַרבאַנד
דער פעריאָד פון ווידער־אויפבוי
דער קאָמזעט
דער אויסוואַל פון בירא־בידזשאַן פאַר קאָלאָניזאַציע
דער אָנהויב
איקאָר
די קאָמיסיע

2) דער בירא־בידזשאַן פראָיעקט:

געשיכטע און באַפעלקערונג פון בירא־בידזשאַן:
די ערשטע איינוואוינער
דער אָנהויב פון דער קאָלאָניזאַציע
די פאָליטיק פון דער ראַטן־מאַכט
די באַפעלקערונג.

געאָגראַפיע און געאָלאָגיע:
קלימאַט
נאַטירליכע רייכטימער
האָלץ און אַנדערע געוויקסן
חיות
פוטער־חיות
פעלן
פייגל
מאַרק פאַר פראָדוקטן פון חיות
פיש

מינעראַל רייכטימער:
אייזן
גראַפיט
גאָלד
אַנדערע מינעראַלן

קוילן און טאָרף:
קוילן
טאָרף
ווייכע קוילן

וואַסער־רעזערוון:

אירינאַציע
קראַפט
וואַסער פאַר הויז־געברויך

קורערטער

לאַנדווירטשאַפט:

באָדן
דרענאַזש
דרענאַזש פּראַקטיק אין בירא־בידזשאַן
לאַנד רייניגונג

תבואות:

געטריידע
אַנדערע תבואות
ספּעציעלע תבואות
פּאַשע און היי־גראָזן
אויבסטן
מעגלאַכע תבואות

פיצוכט

בינען־צוכט

מאַשינערי

אינדוסטריע

טראַנספּאָרט און פאַרקער:

וועגן
וואַסער פאַרקער
אייזנבאַנען

האַנדל און מערק

הייזער

ספּעציעלע שוועריקייטן.

3) סך הכל און רעקאָמענדאַציעס:

רעקאָמענדאַציעס בנוגע די פיזישע באַדינגונגען
אָרגאַניזאַציע
שטופּן פון קאָלאָניזאַציע
קאָאָפּעראַציע
אויסזיכטן.

# אַריינפיר

## דער עקאָנאָמישער און היסטאָרישער הינטערגרונט פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

די אידישע קאָלאָניזאציע באַוועגונג אין סאָוועטנפאַרבאַנד שטעלט מיט זיך פאָר דעם העכסטן פונקט פון אַ היסטאָריש־עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג וועמעס אנהייב מען וואָלט געדאַרפט נאָכשפירן ערגעץ ווייט אין דער טיפער פאַרגאַנגנהייט. זי איז דער אָפּשלוס פון איין היסטאָרישער עפּאָכע און דער אָנפאנג פון א נייער.

עס איז איצט נישט נויטיק נאָכצופאָרשן דעם סאַמע אורשפרונג פון דער עפּאָכע. עס איז גענוג צו דערמאָנען נאָר איניקע פאַקטן וואָס כאַראַקטעריזירן דעם אָפּשלוס־פּעריאָד אין רוסלאַנד.

די כאַראַקטעריסטישע מאָמענטן: זעקס מיליאָן מענטשן אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער איבעריקער באַפעלקערונג אין תחום המושב, וואו עס איז זיי דערלויבט געווען צו אָטעמען; אין דעם דאָזיקן תחום, אַ צווייטער תחום — אַן עקאָנאָמישער — אַ גאַנצע נעץ פון געזעצן און באַגרענצונגען וואָס האָבן ווידער אָפּגעזונדערט דעם אידן עקאָנאָמיש אזוי, אז ער איז געווען אָנגעוויזן נאָר אויף א קליינער צאָל באַשעפטיקונגען. די גרויסע מערהייט פון דער אידישער באַפעלקערונג איז געווען אונטערגעווארפן צו די פאַרשידנסטע באַגרענצונגען; זיי האָבן ניט געטאָרט באַזיצן אָדער באַאַרבעטן דעם באָדן אָדער וואוינען אין די דערפער, אפילו פון די גובערניעס אין תחום המושב, א חוץ אין אַ פּאָר געציילטע קאָלאָניעס אין אוקראַינע; מען האָט זיי ניט צוגעלאָזט אַלס אַרבעטער אין די גרויסע פאַבריקן אָדער אין דער שווערער אינדוסטריע בכלל; זיי האָבן ניט געקאָנט פאַר־

נעמען קיין שום רעגירונגס פּאָסטן; און נאָר אַ גאַנץ קליינע צאָל איז צוגעלאָזן געוואָרן אין די מיטעלע און העכערע שולן.

די רעזולטאַטן — אין ציפערן: אַרום 50 פּראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג אין תחום זיינען געווען פאַרנומען אין האַנדל, מערסטנס אין קליין־האַנדל. פון די איבעריקע 50 פּראָצענט האָט אַרום אַ העלפט קוים אַרויסגעשלאָגן זייער פּרנסה אַלס קליינע באַלמעלאָכעס, שניידערס, שוסטערס, קאָוואַלעס, בלע־כערס, האָלץ־אַרבעטער, זייגער־מאַכער און אַז. וו. די צווייטע העלפט, ווידער, קאָן איינגעטיילט ווערן אַזוי: אַ העלפט זיינען געווען אַרבעטער אין קליינע פאַבריקלאַך און אין ווערקשטאַטן און דער רעשט זיינען געווען מיטגלידער פון פריִע פּראָפעסיעס, כל'ערליי כלי קודש און אַ היפשע צאָל וואָס האָבן בכלל ניט געהאַט קיין שום באַשטימטע באַשעפטיקונג און במילא קיין שום איינקונפט. אפילו פון די קליינע סוחרים און קרעמער, וואָס האָבן יאָ געהאַט, מ'שטיינס געזאָגט, אַ באַשטימטע באַשעפטיקונג, האָט אַ באַדייטנדיקער טייל ניט געוואוסט, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. זיי האָבן געלעבט פון „לופט”. זיי האָבן דאָס צוזאַ־מענגעשטעלט די גרויסע צאָל לופט־מענטשן, וואָס האָבן פאַר־פלייצט די געטאָס פון די שטעט און שטעטלאַך אין תחום המושב.

עס איז דערום נאָר נאַטירלאַך, אַז די שטענדיקע איבער־באַפעלקערונג אין די געטאָס זאָל זוכן אַן אויסוועג. דעם אויסוועג האָט מען געפונען אין עמיגראַציע. אַ שטראָם פון עמיגראַציע האָט זיך אָנגעהויבן אין די 80ער יאָרן פון דעם לעצטן יאָר־הונדערט און האָט זיך אַ לאָז געטאָן הויפּטזאַכלאַך אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן. קליינע טייכלאַך האָבן זיך אָפּגעטיילט און געפלאָסן קיין קאַנאַדאַ, אַרגענטינע, דרום־אַפריקע, פּאַלעסטינע און אַז. וו. אין דעם יאָרצענט, צווישן 1903 און 1913, זיינען יעדן יאָר אויסגעוואַנדערט פון רוסלאַנד הונדערטער טויזנטער אידן. אָבער ניט קוקנדיק אויף דער גרויסער צאָל, האָט זיך די לאַגע אין די אידישע שטעט אין רוסלאַנד וועזנטלאַך ניט גע־ענדערט. נאָך מער, צו דער עקאָנאָמישער אומזיכערקייט איז צוגעקומען דאָס געפיל פון פיזישער אומזיכערקייט, אַרויסגערופן דורך די פּאָגראָמען, וועלכע די צאַרישע רעגירונג פלעגט דער־

מוטיקן כדי אָפּצואוועגדן פון זיך די אומצופרידנקייט און דעם צאָרן פון די פאָלקס־מאַסן.

דער וועלט־קריג האָט געשאַפן געוויסע ענדערונגען אין דער לאַגע. די ענדערונגען אָבער זיינען גיכער געווען צום ערגערן ווי צום בעסערן. אויפ׳ן מזרח־פראָנט איז דער קריג געפירט געוואָרן הויפּטזעכלאַך אין די פּראָווינצן פון תחום המושב. די צאַרישע קאָמאַנדירן האָבן אויף א כיטרען אופן געזוכט צו שאַפן ארום דער אידישער באפעלקערונג אַן אַטמאָספערע פון פאַרדאַכט כדי אויף דעם אופן צו פאַרדעקן די שווערע מפּלות פון די רוסישע אַרמייען. א גרויסע צאָל אידן זיינען היינגעריכטעט געוואָרן אַלס שפּיאָנען אונטער די נישטיקסטע אויסריידן. די אידישע באפעל־קערונג פון גאַנצע פּראָווינצן איז פאַרטריבן און פאַרשלעפּט געוואָרן אין די טיפעניש פון דעם לאַנד.

דער נאָך איז געקומען די רעוואָלוציע, וואָס האָט אָפּגעווישט דעם צאַר׳ס רעזשים. נאָך דעם קורצן קערענסקי־צווישנשפּיל איז געקומען די נאָוועמבער־רעוואָלוציע און באַלד נאָכדעם א שווע־רער בירגער־קריג. ווידער זיינען די פּראָווינצן פונ׳ם פריערדיקן תחום פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן ארענע פון מלחמה אָפּעראַ־ציעס. די פאַרשידענע גענעראַלן פון די ווייסע ארמייען און די אַטאַמאַנען פון גערילאַ באַנדעס, וואָס האָבן פאַרפּלייצט אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד, האָבן געזוכט צו סטימולירן דעם קאַמף קעגן די סאָוועטן דורך אויסנוצן דעם איינגעוואָרצלטן אומצוטרוי צו די אידן, און געגעבן זייערע באַנדעס א פרייע האַנט אין רויבן און הרג׳נען די אידן פון די פאַרנומענע שטעט. עס זיינען פאַר־געקומען די בלוטיקסטע פּאָגראָמען אין דער אידישער געשיכטע, — פּאָגראָמען, וואָס האָבן פאַרניכטעט און אָפּגעווישט הונדער־טער שטעט און שטעטלאַך. די גענויע צאָל פון די אידן וואָס זיינען אין די פּאָגראָמען אומגעקומען, וועט מסתמא קיינמאָל ניט פעסטגעשטעלט ווערן. לויט פאַרשידענע אָפּשאַצונגען האָט די צאָל באַטראָפן צווישן 150 און 200 טויזנט. אי־בער 300 טויזנט יתומים זיינען געבליבן ניט־פאַר־זאָרגטע. די גרעסערע שטעט זיינען געווען פון מיט פליכטלינגע פון די רואינירטע און צעשטערטע שטעט. עס האָט

אויסגעוויזן, אַז דער באָדן רוקט זיך אַוועק פון אונטער די פיס פון די דאָזיקע הונדערטער טויזנטער רואינירטע מענטשן. די יאָרהונדערטער־אַלטע עקאָנאָמישע באַזע, שוואַך און אומזיכער ווי זי איז ניט געווען, איז געבליבן אַ צעשמעטערטע און אָפּגעווישטע.

דער פּעריאָד פון ווידעראויפבוי. — דער בירגער־קריג האָט זיך פאַרענדיקט מיטן זיג פון די סאָוועטן און צוזאַמען דערמיט איז ארויפגעשוואומען דער פּראָבלעם פון עקאָנאָמישן איבערבוי פון דער אידישער באַפעלקערונג. דאָס איז געווען אין ערשטער ריי אַ פּראָבלעם אריינצופּאַסן אין דער נייער עקאָנאָמישער סטרוקטור די דאָזיקע אידן, וואָס זיינען איצט געוואָרן דעקלאַסירט, ד. ה., אָן וועלכער עס איז עקאָנאָמישער פונקציע אין דער געזעלשאַפט. מיט דער באַזייטיקונג פון אַלע אַלטע באַגרענצונגען האָבן זיך איצט געעפנט פאַר די אידן גאַנץ נייע מעגלאַכקייטן, און איינע פון זיי איז געווען די מעגלאַכקייט צו פאַרנעמען זיך מיט לאַנדווירטשאַפט. דאָס איז געווען באַזונדערס וויכטיק צוליב דער גרויסער צאָל אידן וואָס האָבן ניט געקאָנט אריינגעצויגן ווערן אין די פאַבריקן, רעגירונגס־אַנשטאַלטן און אַנדערע שטאַטישע באַשעפטיקונגען. גאַנץ ספּאָנטאַן איז אַנטשטאַנען אַ באַוועגונג צו באַזעצן זיך אויף ערד, אַ היבשע צאָל אידן האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף לאַנד און כמעט איבערנאַכט האָבן זיך באַוויזן אידישע קאָלאָניעס אין פאַרשידענע געגנטן פון לאַנד, באַזונדערס אין ווייס־רוסלאַנד און אין דער שכינות פון די אַלטע אידישע קאָלאָניעס אין דרום־אוקראַינע.

דער „קאָמזעט". — כדי צו אָרגאַניזירן און רעגולירן די דאָזיקע באַוועגונג איז דורך אַ ספּעציעלן דעקרעט פון דער סאָוועטן־רעגירונג דעם 29טן אויגוסט, 1924, באַשאַפן געוואָרן דער „קאָמזעט", אַ רעגירונגס קאָמיטעט פאַר איינאָרדנען אויף ערד די ארבעטנדיקע אידן.

דער דעקרעט האָט אָנגעצייכנט דעם „קאָמזעט" די אויפגאַבע צו באַזעצן אויף ערד הונדערט טויזנט אידישע פאַמיליעס אין משך פון די קומענדיקע צען יאָר. כדי צו העלפן דורכפירן אָט

די אויפגאבע, איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער „געזערד", אַ געזעלשאַפטלאַכע אָרגאַניזאַציע פאַר אידישער ערד־איינאָרדנונג. הילפס־מיטלען האָבן אויך אָנגעהויבן אַריינצוקומען פון אַ גאַנצער צאָל אידישע אָרגאַניזאַציעס אין אַנדערע לענדער. די וויכטיקסטע צווישן זיי איז געווען דער אַמעריקאַנער דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטעט, וואָס האָט אָנגעפירט מיט אָפּעראַטיווער אַרבעט אינ׳ם קאָלאָניזאַציע געביט אין אוקראַינע און קרים דורך דעם אַגראָ־דזשאָינט. אַ צווייטע אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט מיטגעאַרבעט מיטן „אָזעט" איז געווען דער איקאָר.

הגם די צאָל אידן, וואָס זיינען אין די ערשטע דריי יאָר פון דער אַרבעט פון „קאָמזעט" באַזעצט געוואָרן אויף ערד, האָט ניט דערגרייכט די פולע קוואָטע פונ׳ם אָריגינעלן פּראָגראַם, איז אָבער דער דערפאָלג פון דער אַרבעט געווען אַזוי באַדייטענד, אַז גאַר אינגיכן האָט זיך אין פאַרבינדונג מיט דער קאָלאָניזאַציע און אַלס רעזולטאַט פון איר געשטעלט די פראַגע וועגן דער מעגלאַכקייט פון באַשאַפן אַ אידישן אווטאָנאָמען איינס. די ערשטע אָפיציעלע דערקלערונג וועגן דעם איז געמאַכט געוואָרן אויף דעם צוזאַמענפאָר פון „געזערד", אין נאָוועמבער, 1926, דורך דעם פּאָרזיצער פונ׳ם אַלפאַרבאַנדישן צענטראַל עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון די סאָוועטן, מ. י. קאַלינין. אין זיין רעדע אויף דעם צוזאַמענפאָר האָט קאַלינין אונטערגעפירט אַ סך הכל פון די ערשטע דערגרייכונגען אויפן געביט פון אידישער ערד־איינאָרדענונג און האָט אָנגעוויזן, אַז אַזוי ווי די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער סאָוועטן רעגירונג איז צו געבן אַלע נאַציאָנאַליטעטן פונ׳ם ראַטן־פאַרבאַנד פולשטענדיקע פרייהייט און יעדע מעגלאַכקייט פאַר קולטורעלער און עקאָנאָמישער אנטוויקלונג, וועט אויך די אידישע קאָלאָניזאַציע באַוועגונג פירן צו דער שאַפונג פון אַ אידיש־אווטאָנאָמען שטאַטלאַכן איינס, וואָס וועט זיי געבן די בעסטע מעגלאַכקייטן פאַר קולטורעלער און עקאָנאָמישער אנטוויקלונג.

**דער אויסוואַל פון בירא־בידזשאַן פאַר קאָלאָניזאַציע. —** דער דאָזיקער אויספיר איז אַ רעזולטאַט פון די סאָוועטישע באַדינגונגען אין וועלכע די אַרבעט ווערט אָנגעפירט; און שוין פון סאַמע אָנהייב אָן איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז די קאָלאָניזאַציע

וועט סיי צוליב עקאָנאָמישע, סיי צוליב פּסיכאָלאָגישע טעמים געפירט ווערן אויף א קאָנצענטרירטן אופן. האָט זיך אָבער דאָס דאָזיקע שטרעבן צו אַ קאָנצענטרירטער קאָלאָניזאַציע אָנגעשטויסן אויף דעם מאנגל אין פרייעם באָדן אין אוקראַינע און קרים און עס איז נויטיק געוואָרן צו געפינען אין ראַטן־פאַרבאַנד א גרויס קאָמפּאַקט שטיק לאנד, וואָס זאָל זיין אמבעסטן צוגעפּאסט פאַר דעם צוועק. דער „קאָמזעט״ האָט אָרגאניזירט אַ גאַנצע רייע עקספּעדיציעס כדי צו שטודירן די מעגלאַכקייטן אין די פאַר־שידענע טיילן פון דעם לאנד.

איינע פון די עקספּעדיציעס אָנגעפירט פון פּראָפ. ל. ב. ברוק האָט אויסגעפאָרשט די געגנט פון בירא־בידזשאַן אינ׳ם וויטן מזרח און אויפ׳ן גרונט פונ׳ם באַריכט פון דער עקספּעדיציע, און פון די שוין עקזיסטירנדיקע מאטעריאלן, איז מען געקומען צום שלום, אז בירא בידזשאַן איז דער פּאסיקסטער פּלאַץ פאר אזא קאָלאָניזאציע. אויפ׳ן באַזיס פונ׳ם באַשלוס פון „קאָמזעט״ און פון רעזאָלוציעס וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן דורכ׳ן „געזערד״, ווי אויך אויף קאָנפערענצן און פארזאמלונגען אין פאַר־שיידענע אידישע שטעט, האָט די סאָוועטן רעגירונג דעם 28טן מערץ, 1928, אָנגענומען אַן אָפיציעלן באַשלוס דורך וועלכן די געגנט פון בירא־בידזשאַן איז איבערגעגעבן געווארן אין רשות פון „קאָמזעט״ פאר אידישער מאסן קאָלאָניזאציע מיט׳ן אויס־זיכט צו באַשאַפן אַ אידיש אַדמיניסטראטיוון איינס.

דער אָנהויב. — די צופרידנקייט, מיט וועלכער די גאנצע אידישע באַפעלקערונג אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט אויפגענומען דעם באַשלוס פון דער רעגירונג האָט זיך אויסגעדריקט אין פילע רעזאָלוציעס וואָס זיינען אָנגענומען געווארן אויף מאסן מיטינגען איבער׳ן גאנצן לאנד, אָבער נאָך מער אין דעם פאקט, וואָס, ווען עס האָט זיך געעפנט די רעגיסטראציע פאר די ערשטע 600 פאַמיליען פאַרטרעטער, וואָס זאָלן איבערוואנדערן קיין בירא בידזשאן אלס די ערשטע פּיאָנערן, האָבן טויזנטער אידן אריינ־געגעבן זייערע אפּליקאַציעס. עס איז געוועזן אזא געלאף, אַז אין וויניקער ווי 6 וואָכן נאָכ׳ן באשלוס פון דער רעגירונג זיינען שוין די ערשטע איבערוואנדערער אָנגעקומען קיין בירא בידזשאן.

אין מיטן זומער 1928 זיינען אהין אָנגעקומען 654 איבערוואנ־
דערער טראָץ דעם, וואָס די אַפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס אויפ׳ן
אָרט זיינען נאָך ניט פּאַרטיק געווען מיט די צוגרייטונגען. דערצו
איז דער זומער פון 1928 געווען באַזונדערס רעגנדיק. די טייכן
אין דעם ראַיאָן, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר דעם אָנהייב
פון דער קאָלאָניזאַציע, האָבן פאַראורזאַכט אַ טיילווייזע פאַרפלייצונג, מאַכנדיק כמעט אוממעגלאך וועלכע עס איז אַרבעט. ווייטער
האָט אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע צווישן די פערד פון די איבער־
וואַנדערער און מער ווי אַ העלפט פון די פערד איז אוועקגעפאַלן.
און דערצו נאָך האָבן זיך פאַרשפּעטיקט די מאַשינען און אַקער־
אייזנס, וואָס זיינען באַשטעלט געוואָרן אין אַמעריקע.

מאַנכע פון די ערשטע איבערוואַנדערער, ניט דערוואַקסן צו
די שוועריקייטן פון פּיאָנערישע באַדינגונגען, האָבן ניט אויסגע־
האַלטן און האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, פאַרשפּרייטנדיק פאַלשע
אינפאָרמאַציע און אַ פּאַניק וועגן בירא בידזשאַן. פונדעסטוועגן
האָט מער ווי אַ העלפט פון די ערשטע איבערוואַנדערער יאָ אויס־
געהאַלטן און ניט פאַרלאָזן דאָס לאַנד, ניט קוקנדיק אויף די אומ־
דערוואַרטעטע שוועריקייטן.

צו דער צייט ווען די קאָמיסיע האָט באַזוכט בירא בידזשאַן
איז די אידישע באַפעלקערונג דאָרט געשאַצט געוואָרן אויף 1,300
נפשות. די שלעכטע באַריכטן פון דעם פריערדיקן זומער האָבן,
ווייזט אויס, ניט אָפּגעהאַלטן פונ׳ם קומען די פילע נייע איבער־
וואַנדערער. די קאָמיסיע האָט אויך געהאַט אַ געלעגנהייט צו
באַזוכן אייניקע אידישע שטעט און שטעטלאַך אין אוקראַינע
און האָט דאָרט געפונען אַ טיפן אינטערעס צו בירא בידזשאַן
און אירע מעגלאַכקייטן.

## „אַ י ק אָ ר“.

בשעת די אידן אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָבן אין אַלגעמיין
אַרויסגעוויזן אַ טיפן אינטערעס און אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו
דער קאָלאָניזאַציע פון בירא בידזשאַן, זיינען די מיינונגען צווישן
די אידן אין אַנדערע לענדער פונ׳ם סאַמע אָנהייב אָן געווען
צעטיילטע. די פראַגע פון בירא בידזשאַן האָט אַרויסגערופן אַ סך

היציקע דעבאטן אין וועלכע א טייל האָבן שטארק אונטערשטיצט די אידייע פון אידישער קאָלאָניזאציע אין דעם נייעם לאנד, און אנדערע האָבן זיך פונקט אזוי שטארק ארויסגעזאגט קעגן איר.

פון די אידישע אָרגאניזאציעס מחוץ דעם ראטנפאַרבאנד איז דער אמעריקאנער „איקאָר" געווען די ערשטע צו אונטערשטיצן די קאָלאָניזאציע אין בירא בידזשאן. דער „איקאָר" איז אָרגאניזירט געוואָרן באלד נאָך דעם ווי דער „קאָמזעט" איז באשאפן געוואָרן און האט אין די ערשטע 3 יאָר פון זיין עקזיסטענץ מיטגעארבעט מיט׳ן „געזערד" און „קאָמזעט" אין דער אידישער ערד־איינאָרדענונג אין קרים און אוקראינע. ווען בירא בידזשאן איז צוגערעכנט געוואָרן צו די אידישע קאָלאָניזאציע־געגנטן מיט דער באשטימטער אויסזיכט פאר באשאפן א אידיש־אווטאָנאָמען אדמיניסטראטיוון איינס אין דער דאָזיקער טעריטאָריע, און ווען דער „געזערד" האט דאָרט איבערגענומען די אַרבעט, האט דער „איקאָר" באשלאָסן צו אונטערשטיצן דעם „געזערד" אין דער אונטערנעמונג.

דער „איקאָר" האט קאָנצענטרירט זיין אַרבעט אויף באזאָרגן די קאָלאָניזאציע אין בירא בידזשאן מיט אמעריקאנער מאשינען און אויסשטאטונג און אינ׳ם ערשטן יאָר פון דער קאָלאָניזאציע (פון מאי 1928 ביז מאי 1929) האט ער אריינגעפירט קיין בירא בידזשאן טראקטאָרס, פלוגן, עקסקאוואטאָרס, אווטאָמאָבילן, טראָקס, מאָטאָרציקלען, האָלץ־באארבעטונג און אנדערע מאשינען, און אויסשטאטונג אינ׳ם ווערט פון איבער הונדערט פופציק טויזנט דאָלאר. די מאשינעריע, ווי די קאָמיסיע האט געפונען בשעת איר אויספאָרשונג, שטעלט מיט זיך פאָר דעם באזיס פאר דער מעכאנישער אויסשטאטונג וואָס ווערט איצט גענוצט אין בירא בידזשאן.

ניט קוקנדיק דערויף וואָס דער „איקאָר" האט געשטיצט די קאָלאָניזאציע אין בירא בידזשאן אָן וועלכע עס איז רעזערוואציעס, האט ער דאָך באשלאָסן, צוליב די עקזיסטירנדיקע מיינונגס־פארשיידנהייטן, דורכצופירן נאָך אן אויספאָרשונג. ערשטנס כדי ענדגילטיק פעסטצושטעלן די מעגלאכקייטן פון בירא בידזשאן און, צווייטנס, צו שטודירן די מיטלען און וועגן דורך וועלכע

דער איקאָר, אלס אן אמעריקאנער ארגאניזאציע, וואָלט געקאָנט אמבעסטן העלפן אין דער קאָלאָניזאציע, אויב עס וועט זיך ארויסווייזן, אז די טעריטאָריע איז דערפאר צוגעפאסט.

פאר דעם צוועק האָט דער איקאָר, אין פרילינג, 1929, אר־גאניזירט א ספּעציעלע קאָמיסיע פון אמעריקאנער געלערנטע און ספּעציאליסטן.

## די קאָמיסיע.

**דער פּערזאָנאַל.** — די קאָמיסיע איז צוזאמענגעשטעלט געוואָרן פון די פאָלגנדע מיטגלידער:

ד ר. פ ר ע נ ק ל י ן ס. ה ע ר י ס, אגראָנאָם, פּרעזידענט פון בריגהעם יאָנג אוניווערזיטעט—פּאָרזיצער פון דער קאָמיסיע;

ב ע נ ד ש א מ י ן ב ר א ו ן, פארמער און ספּעציאליסט פון פארמער־קאָאָפּעראטיוון;

ד ז ש. ב ר א ו נ ל י ד י י וו י ד ס אָ ן, אגריקולטורעלער אינזשעניר, פּראָפעסאָר פון אגריקולטורעלער אינזשענירונג, אייאָווא סטייט קאָלעדזש;

ד ר. ט ש א ר ל ס ק ו נ ץ, סאָציאָלאָג און אגריקול־טוריסט;

ק י פ ע ר ב. ס א ו ל ס, בעטשלאָר אוו סייענס, געשעפטס־פארוואלטער און איינקויף־אגענט פון בריגהעם יאָנג אוניווער־זיטעט;

ל ע אָ ן ט א ל מ י, סעקרעטאר פון „איקאָר".

די קאָמיסיע האָט אויך באקומען וויסנשאפטלאכע און טעכ־נישע הילף פון נ ח ל אָ נ ד אָ ן, בעטשעלאָר אָוו סייענס, הויפּט וועג־אינזשעניר פון דער אוקראַינישער רעפּובליק, וועלכער האָט ספּעציעל שטודירט דעם פּראָבלעם פון די וועגן: ו. מ. ס א־וו י ד ז ש, פּראָפעסאָר פון באָטאניק פון דעם וויטן־מזרח אוניווערזיטעט; און א צאָל אנדערע רעגירונגס ספּעציאליסטן. ד ר. ע ל י א ס וו א ט ע נ ב ע ר ג, וויצע־פּאָרזיצער פונ'ם „אי־קאָר", איז געוועזן מיט דער קאָמיסיע אין די ערשטע דריי וואָכן פון איר ארבעט אין ראַטן פארבאנד. אין די לעצטע טעג, וואָס די קאָמיסיע האָט פארבראכט אין בירא־בידזשאן, האָט מיט איר

מיטגעארבעט פּראָפּ. ווילסאָן, פונ׳ם אוניווערסיטעט פון מאָנטאַנאַ.

די צוגרייטונגס אַרבעט. — נאָך מיט מאָנאַטן פאר׳ן אָפּ־פאָרן פון די פאַראייניגטע שטאַטן, האָבן די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע אנגעהויבן זאמלען מאַטעריאַלן און האָבן שטודירט די פּראָבלעם, אויף וויפיל די אומשטענדן האָבן נאָר ערלויבט. דר. קונץ איז שוין פריער געווען אפ׳ן פּלאַץ מער ווי א יאָר צייט, מאַכנדיק אויספאָרשונגען און שטודירנדיק די רעגירונגס באריכטן. ל. טאַלמי איז אָפּגעפאָרן פון ניו יאָרק דעם 25טן מאי קיין ראַטן פארבאנד, כדי צו מאכן אלע נויטיקע הכנות פאר דער ארבעט פון דער קאָמיסיע. די אנדערע מיטגלידער האָבן פארלאָזן ניו יאָרק דעם 21טן יוני נאָכדעם ווי זיי האָבן אפּגעהאלטן א רייע קאָנפערענצן אין די מזרח־שטאַטן. קאָנפערענצן זיינען אויך אָפּ־געהאלטן געוואָרן מיט פּראָמינענטע אידן אין פאריז און אין בער־לין, און נאָכדעם האָבן זיך אלע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע געטראָפן אין מאָסקווע כדי צו באקומען אלע מעגלאַכע אינפאר־מאַציעס פון די פארשיידענע וויסנשאפטלאַכע דעפּארטאַמענטן פון דער רעגירונג, און אָפּצוהאלטן באראטונגען מיט אלע די, וואָס זיינען אם בעסטנס אינפאָרמירט וועגן די פּראָבלעמען פון דער קאָלאָניזאציע אין בירא בידזשאן.

כדי זיך בעסער צו באקענען מיט דעם מענטשן־מאַטעריאַל ווי אויך מיט די יעניקע אידישע קאָלאָניעס, וואָס זיינען שוין פאראַן אינ׳ם אייראָפּעאישן רוסלאַנד, האָבן די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע געמאכט א רייזע דורך אוקראינע און קרים ווי אויך דורכ׳ן צפון טייל פון קאווקאז. אויף דער רייזע איז די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע געגעבן געוואָרן יעדע מעגלאַכקייט צו באקאָנען זיך סיי מיט די אידן, וואָס זיינען קאנדידאַטן פאר קאָלאָניזאציע, סיי מיט די איצטיקע קאָלאָניסטן.

די אויספאָרשונגען אין בירא בידזשאַן. — דעם 19טן יולי איז די קאָמיסיע אָפּגעפאָרן פון מאָסקווע קיין בירא בי־דזשאן. אין כאבאראָווסק, די הויפּט שטאָט פון ווייטן מזרח, איז זי באַגעגנט געוואָרן פון רעגירונגס־פארטרעטער און פון באאַמטע פון דעם „קאָמזעט" און „געזערד". יעדער איינער איז

געווען גרייט צו שטעלען אין רשות פון דער קאָמיסיע אַלע מעג־לאַכע מאַטעריעלע מיטלען, כדי נאָר די אויספאָרשונג זאָל קאָנען דורכגעפירט ווערן אויף דעם ווירקזאַמסטן אופן.

זעקס וואָכן זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן אויסשליסלאַך פאַר דער אויספאָרשונג פון דער טעריטאָריע. אינ׳ם ערשטן טייל פון דער צייט איז באַנוצט געוואָרן אַלס באַזע אן אייזנבאַן וואַגאָן, אין וועלכן די קאָמיסיע איז, בייניאַכט, געפאָרן פון סטאַנציע צו סטאַנציע, און בייטאָג זיינען געמאַכט געוואָרן עקסקורסיעס אין די דערבייאיגע געגענטן פון דעם דיסטריקט. די דאָזיגע אויספאָרשונגס־רייזעס האָבן געדויערט אַ טאָג, צוויי, אָדער דריי און פלעגן געמאַכט ווערן רייטנדיג אויף פערד, אָדער אויף אַ וואָגן אָדער מיט אַ שיפל.

נאָך דעם האָט די קאָמיסיע געמאַכט אַ זיבן טאָגיגע רייזע, רייטנדיג דורך די בערג „קליינער כינגאן״, פון אבלוטשע ביז פאַמפּייעווקע. פון דאַנען איז דער טייך אמור באַנוצט געוואָרן אלס רייזע־וועג און פונ׳ם אמור זיינען געמאַכט געוואָרן עקסקורסיעס דורך פאַרשידענע טיילן פון לאַנד, פאַרענדיגענדיג מיט אַ רייזע וואָס האָט דורכגעשניטן דעם דיסטריקט פון אמור ביז צו דער אייזנבאַן ליניע. די גענויע רייזע ליניע און די באַזוכטע געגענדן ווערן געוויזן אויף דער בייגעלייגטער מאַפּע.

מחוץ די גרענעצן פון בירא בידזשאַן האָט די קאָמיסיע באַזוכט בלאַגאָוועסטשענסק, אינ׳ם אמור׳ער דיסטריקט, וולאַדיוואָסטאָק, און דעם רייז־ם א ו ו כ א ז נעבן דער אָזערע כאַנקאַ.

אין משך פון דער עקספּעדיציע איז די קאָמיסיע באַזוכט געוואָרן פון אָרטיגע געלערנטע מיט וועלכע עס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן באַראַטונגען, און וועלכע האָבן צוגעשטעלט אַ סך ווערטפולן מאַטעריאַל. פּראָפ. סאַוויטש האָט פאַרבראַכט מיט דער קאָמיסיע דריי וואָכן און האָט אַ סך בייגעטראָגן צו איר אַרבעט.

די קאָמיסיע האָט צונויפגעזאַמעלט פיל מער וויסנשאַפטלאַכע מאַטעריאַלן ווי עס קען איינגעשלאָסן ווערן אין דעם דאָזיגן באַריכט. דער מאַטעריאַל ווערט פאָרזיכטיג אָפּגעהיט צוזאַמען מיט די פּראָטאָקאָלן פון דער קאָמיסיע פאַר דער צוקונפט.


Карта
Бирско-Биджанского района
Дальне-Восточного Края.
Масштаб – 1:1500000.
Условные знаки:
די שווארצע ליניעס
באצייכענען דעם
מאַרשרוט וואס די
„איקאָר“ עקספערטן
קאמיסיע האט
דורכגעמאַכט אין
בירא-בידזשאַן
Манью Журия
Хабаровск

# דער בירא בידזשאַן פּראָיעקט.

## געשיכטע און באַפעלקערונג פון בירא בידזשאַן.

די ערשטע איינוואַנדערונג. — אַרום דער צייט צווישן 10טן און 12טן יאָרהונדערט, האָבן די דאהורס און די דיור־טשערס, צוויי שבטים פון דער מאַנדזשו־טונגוז ראַסע, פאַרלאָזן זייערע היימען אין מאַנדזשוריע און אַריבערגעגאַנגען דעם אַמור זוכנדיג אַ נייַ היימלאַנד. געגן מיטן פון דעם 17טן יאָרהונדערט געפינען מיר די שבטים ווי זיי פאַרנעמען אַ שמאָלן אָבער לאַנגן פּאַס לאַנד, וואָס ציט זיך פּאַראַלעל צום אַמור, פון דעם צוזאַמענפלוס פון די טייכן שילקא און ארגון אין מערב ביז צום אָנהויב פון דעם טייך דאנדאָן אין מזרח. דער טייך איז אַ נעבן־פלוס פון דעם אַמור אין וועלכן ער פאַלט אַריין אין צפון־מזרח זייט פון כאַבאַראָווסק. די דאהורס האָבן באַזעצט דעם מערב־טייל פון דער ווייטער טעריטאָריע בעת די דיוטשערס האָבן זיך באַזעצט אין דעם מזרח טייל. נאָר אין דער מיט פון דעם טייך, אין די בעקנס פון די טייכן זייא און בורייא, האָבן די מיטגלידער פון די צוויי שבטים געלעבט צוזאַמענגעמישט.

ערגעץ אַרום דער צייט זיינען די רוסן פון נאָרד סיביר, וואָס פלעגן פירן האַנדל מיט די נאָמאַדישע טונגוז שבטים, געוואָר געוואָרן פון זיי וועגן דער עקזיסטענץ פון אַ „ברויט־טייך“, מיינענדיג דעם אַמור, און וועגן פעלקער וואָס האָבן זיך דאָרט באַזעצט, באַאַרבעטנדיג דעם באָדן, פון וועלכן זיי נעמען אַרונטער אַ רייכן שניט. די באַריכטן זיינען איבערגעגעבן געוואָרן קיין מאָסקווע און אין יאָר 1643 האָט דער אַטאַמאַן פּאָיארקאָוו באַקומען אַ באַפעל פון דער צענטראַל רעגירונג צו אָרגאַניזירן א מיליטערישע עקספּעדיציע מיט'ן צוועק אונטערצעוואַרפן אונטערן יאָך די דאָזיגע איינוואוינער פונ'ם אַמור „כדי צו באַזאָרגן דעם צאַר'ס קאַסע מיט אַן אייביגער הכנסה

דורך יאסאק שטיירען און איינזאמלען פון ברויט" פון די נייע אונטערטאַנען. פּאַיארקאָוו האָט געטריי דורכגעפירט זיין אויפגאַבע. זיין עקספּעדיציע האָט ניט נאָר ארויסגעריסן א רייכן יאסאק און א ברויט שטייער פון די אַמור שבטים, נאָר ער האָט אויך צוגעשיקט א דעטאַלירטע באשרייבונג פון דער טעריטאָריע און פון דער באַפעלקערונג און אויך ביינגעלייגט אַן אויספירלאַכן פּלאַן ווי אזוי זיי צו באַזיגן און צו אַנעקטירן זייערע לענדער. עס איז כדאי צו באַמערקן אז אלע פּאַרזוכן מצד די רוסן צו פּראָדוצירן ברויט אין סיביר פאַר זייערע אייגענע באַדערפנישן זיינען געווען א פולשטענדיגער דורכפאַל. צו דער זעלבער צייט איז זייער ברויט פּראָבלעם געוואָרן אַלץ מער און מער פאַרשאַרפט. דאָס, און דער פאַרלאַנג אויסצוברייטערן די גרענעצן האָט געפירט דערצו אַז די רוסן זאָלן אונטערוואַרפן די דאָזיגע שבטים אונטער זייער ממשלה.

אין דער אונטערנעמונג האָט געשפּילט א פירנדיגע ראָלע כאַבאַראָוו, א פּראָמינענטער סוחר און קאַפּיטאַליסט. ער האָט גערן סובסידירט און אויסגעשטאַטעט אַן אַפּטיילונג קעמפנדיגע וואָלונטירן, צוזאַמענגעשטעלט פון סוחרים און רעגירונגס אָנגעשטעלטע. זיי האָבן גע'הרג'ט די גאַנז, אָבער דער'הרג'ענדיג זי, האָבן זיי אויך פאַרלוירן איר גאָלדענע איי, — דאָס זעלבע איי נאָך וועלכן זיי האָבן אַזוי אייפריג געשטרעבט. כדי זיך צו באַפרייען פון די שווערע קאָזאַקישע שטייערן, האָבן זיך די דאָזיגע שבטים, צום סוף פונ'ם יאָרהונדערט, „צוריקגענומען צו זייערע פערד", ווידער דורכגעשניטן דעם אַמור, אָבער דאָס מאָל שוין צוריק קיין מאַנדזשוריע, און דער אַמאָל בליענדיגער ברויטטייך איז פאַר הונדערטען יאָרן געבליבן פאַרלאָזן.

אַזוי אַרום איז בירא בידזשאַן אין דעם דערמאָנטן היסטאָרישן פּעריאָד באַוואוינט און קולטיווירט געווען פון די דאַהור און דיוטשער שבטים. די באַריכטן פון די דעמאָלטיגע קאָזאַקישע אטאַמאַנען כאַבאַראָוו, פּאַיארקאָוו א. א., וואָס האָבן געהאַלטן אין איין זוכן רייכע הכנסה קוואַלן, באַשרייבן די פעלקער אַלס דערפאָלגרייכע ערד אַרבעטער, יעגער און פישער; דאָס לאַנד אַלס פרוכטבאַר, די וועלדער פול מיט פאַרשידענע

חיות, און די טייכן רייך אין אַלערליי מינים פיש. די דאַהורס פונ'ם אויבערן אַמור האָבן קולטיווירט אַזעלכע סאָרטן תבואה ווי ווייץ, האָבער און הירזש, און אין זייערע גאָרטנס האָבן זיי געהאַט אַלערליי גרינסן, ווי קאַרטאָפל, טאָמאַטן, מעלאָנען, אוגערקעס א. אַ. וו. זיי האָבן זיך אויך פאַרנומען מיט סעדערייען. די דיוטשערס פונ'ם מיטל־און אונטער'ן אַמור, וואָס נעמט אויך אַרום דעם סונגאַרי בעקן, האָבן זיך אויך אָפּגעגעבן מיט פּי־צוכט, א דאַנק „די נאַטירלאַכע רייכע לאַנקעס פון דער טעריטאָריע".

די דאָזיגע שבטים האָבן אַנטוויקלט זייער לאַנדווירטשאַפט אין גאָר א הויכער מאָס. א חוץ די פּרוכטן פון זייער אַרבעט פלעגן זיי אויך אַרונטערנעמען די פּרוכטן פון ווילדע ווייַנטרויבן און אַנדערע ווילדע פלאַנצן. זיי האָבן זיך באַנוצט מיט פאַרטגעשריטענע אייזערנע געצייג אין האַנטגעמאַכטע געפעס ווי דער סערפּ, די קאָסע, און טשיגונענע טעפּ. דער פלוג איז טאַקע געווען א הילצערנער אָבער זיי פלעגן אין אים איינשפּאַנען א פערד. פון די הויז חיות ווערן דערמאָנט דאָס פערד, דער קעמל, דער חזיר, די שאָף, די ציג, און עופות.

נישט פריער ווי אין מיטן פון 19טן יאָרהונדערט האָט רוסלאַנד זיך פאַרזיכערט דעם באַזיץ פון דער טעריטאָריע דורך אָפּמאַכן מיט כינע פון וועלכע איינער איז געשלאָסן געוואָרן אין יאָר 1857 אין איגן און דער צווייטער אין פּעקין, אין 1860.

די ערשטע קאָלאָניזאַציע. — אין אָנהויב האָט די קאָלאָניזאַציע געטראָגן א צוואַנגס־כאַראַקטער און איז געווען באַשרענקט אויף די קאָזאַקן פון דער טראַנס־בייקאַלישער טעריטאָריע, פון וואַנען עס זיינען געקומען די ערשטע איבערוואַנדערער פונ'ם היינטיגן בירא בידזשאַן. די אַלטע איינוואוינער פון בירא בידזשאַן וואָס זיינען נאָך געווען אין זייערע קינדערוויגעלאַך ווען די עלטערן האָבן זיך דאָ באַזעצט, מאָלן אין לעבעדיגע פאַרבן די פאַרגאַנגנהייט און דערציילן ווי מען פלעגט די קאָלאָניסטן מיט זייערע קינדער אַוועקפירן אין פלאַכע שיפלאַך איבער'ן אַמור, צייטנווייז אין משך פון וואָכן לאַנג, און זיי איבערלאָזן אין דער ווייטער טאַיגא, די היים פונ'ם בער, טיגער,

אוןווילדן חזיר, אַנזאָגנדיג זיי, זיי זאָלן למען השם זיך פון דאָרט ניט רירן. מיט דער צייט האָט די קאָלאָניזאַציע פונ׳ם אייראָפּייאישן רוסלאַנד באַקומען אַלץ מער דערמוטיגונג. ענדלאַך, ווען די טראַנס־סיבירישע אייזנבאַן איז פאַרענדיגט געוואָרן, אַ צייט וואָס פאַלט צוזאַמען מיט׳ן אָנהויב פון דער אינדוסטריעלער אנטוויקלונג פון רוסלאַנד, איז שוין געווען אָרגאַניזירט אַ קאָלאָניזאַציע דעפּאַרטמענט, וואָס האָט דיריגירט און רעגולירט די אויסוואַנדערונג קיין מזרח.

פונדעסטוועגן זיינען ביז צום וועלט־קריג סיי סיביר און סיי דער ווייטער מזרח נאָך אַלץ באַטראַכט געווען ווי פאַרשיקונגס־פּלעצער, ווי ערטער פון שווערער אַרבעט פאַר קאַטאָרזשניקעס. באַזונדערס איז דער ווייטער מזרח געוועזן אונטער אַ שטרענגער מיליטער מאכט. ערשט נאָכ׳ן קריג האָט זיך די גאַנצע לאַגע גרונטלאַך געביטן. די באַזעצונג פונ׳ם ווייטן מזרח צוזאַמען מיט׳ן אַמור געגנט איז ניט מער אַ פּאָליטישע אָדער אימפּעריאַליסטישע פראַגע, זי ווערט אַן אמת׳ע קאָלאָניזאַציע פּראָבלעם.

עס איז פאַראַן אַ גאַנצע ריי פּלעצער אין ראַטנפאַרבאַנד וואָס מוזן באַצייכנט ווערן אַלס פאַרהעלטניסמעסיג איבערבאַפעלקערט. דאָס באַציט זיך אויף אוקראַינע, וויים רוסלאַנד און מאַנכע טיילן פון צענטראַל רוסלאַנד. אין מערערע פון די פּלעצער עקזיסטירט אַן אויסגעשפּראָכענער באַדן מאנגל. פון דער דאָזיקער סיטואַציע, ווי אויך פון דער נויטיקייט צו עקספּלואַטירן די נאַטירלאַכע רייכטימער פון אַזיאַטישן רוסלאַנד, ווערט קלאָר, אַז די קאָלאָניזאַציע באַקומט אַ מלוכישע באַדייטונג: אַלס רעזולטאַט דערפון איז דער קאָלאָניזאַציע דעפּאַרטמענט פון דער רעגירונג אין די לעצטע יאָרען אינגאַנצען רעאָרגאַניזירט געוואָרן און זיין הויפּט אויפגאַבע איז אריינצוברענגען פּלאַנמעסיקייט אין אַ באַוועגונג וואָס קאָן זייער לייכט ווערן כאַאָטיש.

עס איז באַוואוסט, אַז די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער סאָוועט רעגירונג איבט אויס אַ באַשטימטן איינפלוס אויף דער ריכטונג פון דער קאָלאָניזאַציע. עס איז דערפאַר נויטיק צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער דאָזיקער פּאָליטיק.

די סאָוועט פּאָליטיק. — די עקזיסטענץ, ווי אויך די ערנסטקייט פונ׳ם פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן איז אַל־געמיין באַקאַנט. די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פונ׳ם פאַר־רעוואָלו־ציאָנערן רוסלאַנד איז אין קורצן געווען פאָלגנדע: די גרויס־רוסן זיינען געווען די הערשנדיגע נאַציע. די פּאָליטיק פון דער רעגירונג איז באַשטאַנען פון אַן אַלגעמיינער רוסיפיקאַציע פון די מינאָריטעטן.

דער סאָציאַלער איבערברוך, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון דער רעוואָלוציע האָט ראַדיקאַל געענדערט די אַלטע אָרדנונג פון רוסלאַנד און צוזאַמען מיט איר אויך די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק. יעדע איינציגע נאַציע, ווי גרויס אָדער קליין זי זאָל ניט זיין, איז פריי און ווערט דערמוטיקט צו אַנטוויקלען איר קולטור אין איר אייגענער שפּראַך און אויף איר אייגענעם אופן. די נאַציאָ־נאַלע אייגנשאַפטן באַקומען די מעגלאַכקייטן פאַר פרייען אויס־דרוק. יעדע נאַציאָנאַלע מינדערהייט אינ׳ם ראַטנפאַרבאַנד האָט זעלבסטבאַשטימונג אינ׳ם ברייטן זין פונ׳ם וואָרט. די דאָזיקע ענדערונג אין דער פּאָליטיק האָט דאָס הויפּטזעכליך באַווירקט דעם בירא בידזשאַן פּראָיעקט פאַר די אידן.

די באַפעלקערונג. — די באַפעלקערונג פון היינטיקן בירא בידזשאַן באַשטייט פון פאַרשידענע נאַציאָנאַלע עלעמענטן און ווערט געשאַצט אויף 28,000. די עטנישע צעטיילונג איז בערך פאָלגנדע: די אַלטע איינוואוינער, אַ וועלכע 15,000 אין צאָל, זיינען מערסטנס פון גרויס־רוסישער אָפּשטאַמונג; די ניט־אידי־שע איבערוואַנדערער פון די לעצטע פאָר יאָר באַטרעפן אַ 1200, מערסטנס אוקראַינער און ווייסרוסן; אייזנבאַן ארבעטער, וואַלד־אַרבעטער, און אַנדערע באַלמעלאָכעס, וואָס וואוינען אין די דערפער אויף דער אייזנבאַן ליניע און באַטרעפן אַרום 6800 זיינען הויפּטזעכלאַך פון סלאַווישער אָפּשטאַמונג; די צאָל פון די קאַרייער איז 4400 און פון די איינגעבוירענע שבטים אַרום 600.

כמעט ווי ניט באַרירט פון דער אינדוסטריעלער ציווילי־זאַציע, זיינען די אַלטע איינוואוינער פון בירא בידזשאַן פאַר־בליבן פּרימיטיווע פּויערים; זייער פּראָדוקציע איז נאָך אַלץ

באַגרעניצט אויף אַרטיקלען פון הויז־געברויך און זייער קאָנ־טאַקט מיט דער דרויסנדיגער וועלט איז ניט מער ווי א צופע־ליגער. פאַרוואָרפן אין דער טאָיגע מיט אירע טיפע וועלדער און ווילדע חיות, וואוינענדיג אין דער שכנות פון פישרייכע טייכן, האָבן זיך די אַלטע קאָלאָניסטן שנעל צוגעפּאַסט צו דער נייער סביבה, האָבען זיך אָפּגעלערנט פון די איינגעבוירענע די קונסט פון יעגעריי און פישכאַפּן, און זיי געמאַכט פאַר די הויפּט באַ־שטאַנד־טיילן פון זייער ווירטשאַפט. צו דער זעלבער צייט אָבער האָבן זיי אין די לעצטע יאָרן, דורך דער עקספּלואַטאַציע פון די רייכע וועלדער געוואונען ווייטערדיקע קוואַלן פון הכנסה, ווי אויך באַקומען א מעגלאַכקייט פאַר אַן ענגערן קאָנטאַקט מיט דער דרויסנדיקער וועלט. דערצו קומט נאָך צו די אויסברייטערונג פון׳ם בילדונגס סיסטעם, וואָס ווערט דורכגעפירט פון דער ראַטנ־מאַכט. עס איז שוין איצט פאַראַן אן ארבעט־שולע אין יעדן דאָרף; און אין די גרעסערע דערפער, אַזעלכע ווי יעקאַטע־רינא־ניקאָלסק, קאָן מען שוין געפינען א הויך־שול, געוויינלאַך מיט א לאַנדווירטשאַפטלאַכער ריכטונג. אין אַלגעמיין ווערט א סך אויפמערקזאַמקייט געשאָנקען דער פאַרשפּרייטונג פון אגרי־קולטורעלע קענטענישן אין טעאָריע און אין פּראַקטיק. עס ווערן איינגעפירט בעסערע פעלד־מאַשינען און בעסערע זריעה.

די מערהייט פון די אַלטע איינוואוינער וואוינט נאָך אַלץ אויפ׳ן לינקן ברעג פונ׳ם אמור. א טייל פון זיי האָט אין לויף פון דער צייט איבערגעוואַנדערט אין אינערן פונ׳ם לאַנד און אויפגעבויט דערפער ווי באבסטאָוואַ, לאַזאַרעוואַ און אייניגע אַנ־דערע.

די קאַרייער פון בירא בידזשאַן לעבן אין א פּאָר דערפער פאַרנאַנדערגעוואָרפן איבער׳ן גאַנצן לאַנד. דאָס גרעסטע דאָרף איז בלאַגאָסלאָווענאיא ביים אמור. זינט דעם מיטן פונ׳ם לעצטן יאָרהונדערט, ווען די קאַרייער האָבן אנגעהויבן איינצו־וואַנדערן אין דעם ווייטן מזרח, ביז היינט, פאַרמאָגן דאָרט די קאַרייער שוין א באַפעלקערונג פון ארום 168 טויזנט. אין איינ־קלאַנג מיט איר נאַציאָנאַלער פּאָליטיק האָט די סאָוועטן רעגירונג ניט לאַנג באַשלאָסן אויסצוטיילן פאַר זיי א באַזונדערן דיסטריקט

אינ׳ם צפון טייל פון „פרימאָריע״ (ביי־ימ׳יגע פראָווינץ), וואו די קאַרייער וואוינען אין אַ גרעסערער צאָל.

דער קאַרייער איז אַ שווייגנדיקער, רעזערווירטער מענטש, באַזונדערס מיט פרעמדע. ער איז זייער פלייסיק, תמיד באַשעפטיקט מיט זיין שטיק לאַנד אויף וועלכן ער קולטיווירט, מיט גרויס איבערגעבנקייט, די פארשידענע מאנדזשורישע פלאַנצונגען, ווי קארייאישע רייז, סאיא באב און אַנדערע פעטהאַלטיקע פלאַנצן. דאָס האָט ער אויסגעלערנט די רוסן וואָס פאַר אַ ווערט די פלאַנצן האָבן און מיט וואָס פאַר אַ מעטאָדן מען דארף זיי קולטיווירן.

די צאָל פון דער איינגעבוירענער באַפעלקערונג אין בירא־בידזשאַן איז פארהעלטניסמעסיק נישטיק, ווי עס איז שוין אויבן דערמאָנט געוואָרן. זיי פארדינען אָבער אויפמערקזאמקייט פון ענטנאָגראַפישן שטאַנדפונקט.

די איינגעבוירענע, וואָס מען געפינט דאָ, זיינען הויפטזעכלאך פון טונגוזישער אָפשטאַמונג. זיי וואוינען אין קליינע דערפער, מערסטנס אין צפון פון דער אייזנבאַן, ביים טייך אורמי און זיינע נעבנטייכן. עס ציט זיי אַלץ נאָך צו דער טאַיגאַ און צום וואַסער. דאָ געפינט זיך דער מאַלערישער גאָלדע אין זיין אויסטערלישן קאָסטיום, דער פארכמורעטער וואַלד־מענש אדיי און דער האַלב נאָמאַדישער טונגוז מיט זיינע הירש־סטאַדעס. די גאָלדעס זיינען די מאַיאָריטעט פון די איינגעבוירענע וועמעס לעבענסשטייגער איז נאָך אַלץ זייער פרימיטיוו, אזוי ווי ער שטיצט זיך אויף יאַגד און פישעריי. כאָטש זיי האָבן זיך שוין אויסגעלערנט צו נוצן אַ ביקס, זיינען זיי אָבער נאָך אַלץ זייער געשיקט מיט דעם פייל־און־בויגן, וועלכן זיי באַנוצן אַפילו אין דער יאַגד אויפ׳ן בער און טיגער.

אין די לעצטע יאָרן פרוווט די סאָוועט רעגירונג איינצופירן אַגריקולטור אין דער ווירטשאַפט פון די שבטים. אין די שולן, וואָס ווערן געבויט אין זייערע דערפער, ווערן אויך איינגעאָרדנט מוסטער פערמעס, וואָס ווערן באַארבעט פון די שילער אונטער קאָמפעטענטער אויפזיכט. דער צוועק איז צו באַקענען די באַפעלקערונג מיט די מעלות פון דער לאַנדווירט־

שאפט. די קאָמיסיע האָט באַזוכט אַ טונגוז־דאָרף, קראַס־ניאַר, אין דרום פון דער סטאַנציע לאַנדאָקאָ. די גערטנער זייַנען דאָ געווען פּונקט אַזוי גוט ווי אין די שכנישע רוסישע דערפער און דער לעבנס־אופן פון די אַמאָליקע נאָמאַדן האָט זיך קנאַפּ אונטערשיידט פון דעם רוסישן. אַ טונגוזישער בחור פון אַרום 17 יאָר, וועמען די קאָמיסיע האָט באַגעגנט אויפ'ן וועג, האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע אינטעליגענץ. לויט פאַר זיינע יאָרן איז ער געווען גוט אינפאָרמירט. ער האָט גערעדט זעלבסט־באַוואוסט וועגן זיין שטדיום אין כאַבאַראָווסקער פּעדאַגאָגישן טעכניקום און האָט ניט פאַרגעסן צוצוגעבן, מיט אַ שטיקל געפיל פון קנאה, אַז זיינע צוויי עלטערע פריינט פון דעם זעלבן דאָרף שטודירן איצט אין לענינגראַד אינ'ם אוניווערזיטעט פאַר די צפון־פעלקער. קראַסניאַר פאַרמאָגט אינגאַנצן 9 הויפן.

אַזעלכע קולטורעלע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אינסטי־טוציעס ווי די שול, לייען־צימער און האָספּיטאַל, דער דאָרפס־ראַט און די קאָאָפּעראַטיווע קראָם, אינסטיטוציעס וואָס זיינען בכלל כאַראַקטעריסטיש פאַר'ן סאָוועט רוסישן דאָרף, ווערן גערן איבערגענומען פון די שבטים. עס זיינען אויך פאַרהאַן סמנים אַז די דאָזיקע פּאָליטיק וועט אָפּשטעלן דעם הויכן פּראָצענט פון טויטן־פאַלן, וואָס באַמערקט זיך צווישן די איינגעבוירענע.

אין יאָר 1928־1929 זיינען אַרום 1300 אידן באַזעצט גע־וואָרן אין בירא בידזשאַן. די געשיכטע לערנט, אַז קאָלאָניזאַציע פון נייע לענדער מוז אומפאַרמיידלאַך האָבן די לאַנדווירטשאַפט פאַר איר ברייטן באַזיס. פון דעם שטאַנדפּונקט שטעלט מיט זיך פאָר דער איד אַ ניט־אויסגעפּרופטן מאַטעריאַל אַלס אַ קאָלאָ־ניסט. אין גענגזאַץ צום איבערוואַנדערנדיקן פויער קומט דער איד ניט פונ'ם לאַנד. פאַר אים איז די ערד־אַרבעט אַ לאַנג פאַר־געסענע קונסט. אַ קינד פון דער שטאָט, פלעגט ער תמיד קוקן אויף דעם פויערטום ווי אויף אַ נידעריקער שטופע פון קולטור. אין אַ לאַנד, וואו די באַפעלקערונג איז געהאַלטן געוואָרן פונ'ם צאַריזם אין אַ צושטאַנד פון אַנאַלפאַבעטיזם, איז ביי די אידן תמיד געווען מער ווי 80 פּראָצענט אַלפאַבעטן. ער איז פלינק־לעבעדיק און איז באַרעכנט אינ'ם אויסקלייבן אַ באַשעפטיקונג.

אין די 80ער יאָרן פון דעם לעצטן יאָרהונדערט האָבן הונדערטער טויזנטער אידן אויסגעוואַנדערט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, כדי צו אַנטלויפן פון דער צאַרישער אונטערדריקונג. די איבער־וועגנדיקע מערהייט פון די עמיגראַנטן איז געגאַנגען אין די פאַב־ריקן, אין געשעפטן און אין פרייע פראָפעסיעס. זיי האָבן אויף דעם אופן אַ סך בייגעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון אַמעריקאַנער אינדוסטריע און שטאָטישער קולטור, אָבער עס איז מערקווירדיק, אַז אַ גאַנץ קליינע צאָל פון זיי און פון זייערע קינדער האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט פאַרמעריי.

קיין וואונדער, אַז ווען די קאָלאָניזאַציע פון די אידן האָט זיך אָנגעהויבן אין אוקראַינע און קרים, האָבן מאַנכע געדענקט, אַז דאָס איז אַ טויט־געבוירן קינד. די אידן, האָט מען געזאָגט, זיינען פיזיש אומפּייאיק און גייסטיק אומוויליק זיך צוריק אומ־צוקערן צום לאַנד. די ערפאַרונג האָט צונישט געמאַכט די אַלע באַהויפּטונגען. די אידן באַווייזן זייער פייאיקייט צו ווערן ערד אַרבעטער און צו פאַרענטפערן די פאַרוויקלטע פּראָבלעמען פון לאַנדווירטשאַפט.

אויפ'ן סמך פון אירע באַאָבאַכטונגען קאָן די קאָמיסיע באַ־הויפּטן, אַז נישט בלויז אין קרים, נאָר אויך אין ביראָ־בידזשאַן, ווייזן די אידישע איבערוואַנדערער אַרויס זייער פייאיקייט צוצו־פּאַסן זיך צו די באַדינגונגען פון פּיאָנערישער אַרבעט אינ'ם לאַנד.

## געאָגראַפיע און געאָלאָגיע.

בירא בידזשאַן געפינט זיך אין דער טייל פון ראַטנפאַרבאַנד וואָס איז באַקאַנט אַלס דער ווייטער מזרח.

אין די אומענדלאַכע שטחים פונ'ם סאָוועטישן ווייטן מזרח, וואָס ציט זיך פונ'ם אַרקטישן ים אויפ'ן צפון ביז מאַנדזשוריע און מאָנגאָליע אויפ'ן דרום און פון באַיקאַל אויפ'ן מערב ביז'ן פּאַציפישן אָקעאַן אויפ'ן מזרח, געפינט זיך בירא־בידזשאַן אין אַ באַזונדערס גינסטיקער לאַגע. עס איז צו מערב פון דער ביי־ים'יקער פּראָווינץ (פּרימיעריע) און צו מזרח פונ'ם אַמור דיסטריקט. עס פאַרנעמט דעם טייל פונ'ם אַמור טייך בעקן,

וואָס ציט זיך פון פּאַשקאָוואָ אין מערב ביז כאַבאַראָווסק אין מזרח. דער גרויסער טייך בילדעט די דרום־גרענעץ ווי אויך אַ טייל פון די מערב און מזרח גרענעצן פונ׳ם לאַנד. די צפון־מזרח גרענעץ איז דער אורמי טייך, וועלכער פליסט אַריין אינ׳ם אַמור דורך דעם טייך טונגוזקאַ, צו צפון פון כאַבאַראָווסק. די גרענעץ פונ׳ם צפון־מערב טייל פונ׳ם לאַנד איז דער טייך בינגאַן. אין צפון איז אַ שיידונגס־פּונקט פון די וואַסערן. אַ טייל פליסט אַרונטער צום אַמור, אַ טייל צו צפון.

דאָס גאַנצע לאַנד געפינט זיך צווישן 47 און 50 גראַד נאָרד בּרייט, הגם דער גרעסטער טייל ליגט צווישן 48טן און 49טן גראַד. דאָס מיינט, אַז עס ליגט אין דערזעלבער ברייט ווי דרום־רוסלאַנד, דורם־דייטשלאַנד און צפון־שווייץ. עס ליגט אינגאַנצן דרומ׳דיקער פון דרום־ענגלאַנד און דער גרעסטער טייל איז אַ סך ווייטער צו דרום ווי פּאַריז.

די לייִנג איז צווישן 130 און 134 גראַד מזרח פון גרע־ניטש און דער גרעסטער טייל צווישן 131 און 133 גראַד. עס שניידט זיך אַריין אין מאַנדזשוריע, פון וועלכער עס איז אָפּ־געטיילט דורכ׳ן טייך אַמור.

דער מזרח־טייל פונ׳ם לאַנד איז נידעריק און דערהויבט זיך נאָר אַ פּאָר פיס איבער דער אויבערפלאַך פונ׳ם טייך. דאָס לאַנד ווערט אַלץ העכער צו מערב צו וואו עס געפינען זיך מע־רערע בערג. אין דעם מערב־דריטל ליגן די בערג „קליינער כינ־גאַן“, און פון דאַנען ציט־זיך צום צפון אַ גאַנצע קייט פון מיט וואַלד באַדעקטע בערג. זיי באַדעקן דעם גרעסטן טייל פונ׳ם לאַנד אין צפון פון דער אייזנבאַן־ליניע, וועלכע שניידט דורך דאָס לאַנד פון מזרח צום מערב.

די אַלע בערג זיינען פאַרהעלטניסמעסיג נידעריג, די מערסטע פון זיי וויניקער ווי 1700 פוס הויך. דער העכסטער פּונקט איז וויניקער ווי 4000 פוס. אפילו דער קליינער כינגאַן איז ניט מער ווי גרויסע בערגלאַך, באַדעקט מיט ערד און מיט גע־דיכטע וועלדער. זעלטן וואו באַמערקט מען פעלזן, און עס איז כמעט אומעטום פאַראַן גענוג באָדן פאַר תבואה־פּראָדוקציע,

כאַטש צוליב אַנדערע טעמים זיינען די בערגיקע געגענטן בעסער צוגעפּאַסט צו וואַלד־קולטור ווי צו תבואה־פּראָדוקציע.

די פּאַסיקסטע טיילן פאַר לאַנדווירטשאַפט געפינען זיך אין די טאָלן פון די טייכן בירא און בידזשאַן און אינ׳ם געגנט אַרום זיי, כאַטש עס זיינען אויך פאַראַן פילע אַנדערע געגענטן, צוגעפּאַסטע פאַר לאַנדווירטשאַפט, באַזונדערס ביי די אַנדערע טייכן, וואָס פאַלן אַריין אין אַמור, און אויף די בערגיקע פּלאַטאָס.

מער ווי אַ העלפט פונ׳ם לאַנד איז באַדעקט מיט וועלדער און אומעטום קאָן מען באַמערקן געדיכטע פּלאַנצן. אין ערגעץ זיינען ניט פאַראַן קיין גרויסע שטרעקעס, וואו פּלאַנצן זאָלן ניט קאָנען וואַקסן.

די אויבערפלאַך פונ׳ם לאַנד איז אומרעגולער און אומע־טום וואַרפן זיך דורך פאַרנעצטע זאָנען, וועלכע מען רופט מ אַ ר י, צונויפגעמישט מיט טריקענערע, וועלכע מען רופט ר ע ל ק י. די לעצטע זיינען זאַמדיקע שטיקער לאַנד, וואָס האָבן זיך געשאַפן, ווען די טייכן האָבן געענדערט זייער שטראָם. די דאָזיקע לאַנד־פלאַכן זיינען צוליב זייער טרוקענקייט דער בעסטער באָדן פאַר קאָלאָניזאַציע. די נאַסע מאַרים פאָדערן דרענאַזש אײדער זיי וועלן קאָנען זיין צוגעפּאַסט פאַר לאַנדווירטשאַפט.

דער וויכטיקסטער באָדן־שטיין, פון וועלכן דער גרעסטער טייל פונ׳ם בירא־בידזשאַנער באָדן האָט זיך געשאַפן, קאָן באַ־צייכנט ווערן מיט׳ן אַלגעמיינעם נאָמען גראַניט, צונויפגעמישט מיט פּאָרפיר און באַזאַלט. אין מערערע פּלעצער זיינען באַ־מערקט געוואָרן ליים־שיכטן. מאַנכע פון זיי האָבן זיך פאַר־וואַנדלט אין פּראַכטפולן מאַרמאָר. די גרויסע טאָלן האָבן זיך, לויט דער טעאָריע פון די רוסישע געאָלאָגן, געשאַפן אינ׳ם אָרעם פון אַן אַלטן ים, וועלכער האָט באַדעקט דאָס לאַנד אין די געאָלאָ־גישע צייטן.

דער דאָזיקער אָריגינעלער מאַטעריאַל איז געפורמט און איבערגעפורמט געוואָרן פונ׳ם טייך אַמור און זיינע נעבן־טייכן דורך טויזנטער יאָרן, און זייערע פאַרפלייצונגען האָבן אויס־פורמירט דעם איצטיקן באָדן און די טאָלן.

# קלימאַט.

די וויכטיקסטע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון׳ם ביראָ־בידזשאַנער קלימאַט זיינען די קורצע, וואַרימע און פייכטע זו־מערס און די טרוקענע, קלאָרע און קאַלטע ווינטערס. דער קלימאַט ווערט אין אַ גרויסער מאָס באַווירקט פון די אַרום־רינגלענדיקע בערג־קייטן און פון די ווינט־שטראָמען. די בערג פון „קליינעם כינגאַן", וואָס ליגן ליינגס די מערב׳דיקע און צפון־מערב׳דיקע גרענעצן פון דער טעריטאָריע, האָבן אַ באַדייטנ־דיקע ווירקונג אויפ׳ן קלימאַט. ווינטער־צייט בלאָזן די ווינטן דער עיקר פון מערב, און אַזוי ווי זיי קומען פון די צפון׳דיקע פליינען פון סיביר, זיינען זיי קאַלט און טרוקען. זומער אָבער קומען די ווינטן פון דעם פּאַציפישן אָקעאַן אין דרום־מזרח. זיי זיינען אָנגעלאָדן מיט פייכטקייט, און די בערג פּאַראַורזאַכן, אַז די יואָלקנס זאָלן דאָ איבערלאָזן די פייכטקייט. דאָס גיט דער טעריטאָריע אַ וואַרימען זומער מיט שטאַרקען רעגנפאַל. דער מילדעסטער קלימאַט איז אין דעם דרום־מערב׳דיקן טייל פון ביראָ־בידזשאַן, צווישן די בערג און דעם טייך אַמור.

די קאָמיסיע קאָן באַריכטן וועגן דעם קלימאַט פון ביראָ־בידזשאַן מיט גענויער באַשטימטקייט, ווייל אין פאַרשיידענע פּונקטן פון דער טעריטאָריע זיינען אויפגעהאַלטן געוואָרן מע־טעאָראָלאָגישע אָבזערוואַציע־סטאַנציעס אין אַ משך פון 19 יאָר. די מאַטעריאַלן פון די דאָזיקע סטאַנציעס זיינען איינגע־שלאָסן אין די אויספירלאַכע באַריכטן, וואָס זיינען באַאַרבעט געוואָרן פון פּראָפ. ספּאַרטאַנסקי, און וואָס זיינען איבערגעגעבן געוואָרן דער קאָמיסיע.

אין דער טאַבעלע 1 ווערט געגעבן דער פּלאַץ און די הויך פון זעקס פון די מעטעאָראָלאָגישע סטאַנציעס און די צייט, אין משך פון וועלכער עס זיינען געמאַכט געוואָרן אָבזערוואַציעס איבער דעם וועטער.

אַ סך־הכל פון די טעמפּעראַטור־רעקאָרדס פון פינף סטאַנ־ציעס ווערט געגעבן אין די ווייטערדיקע טאַבעלן. טאַבעלע 2 גיט די מיטעלע טעמפּעראַטור פאַר יעדן חודש. טאַבעלע 3 גיט דעם דורכשניטלאַכן מאַקסימום פון די מאָנאַטלאַכע טעמפּעראַטורן

(דאָס איז דער דורכשניט פון די טעמפּעראַטורן, וואָס זיינען גענומען געוואָרן פאַר יעדן טאָג א שעה נאָך מיטנטאָג). טאַבעלע 4 גיט דעם דורכשניט מינימום טעמפּעראַטורן פאַר יעדן חודש, גענומען מיט א מינימום טערמאָמעטער. טאַבעלע 5 גיט די אבסאָלוטע מאַקסימום טעמפּעראַטורן פאַר יעדן חודש, לויט די טעגלאַכע אָבזערוואַציעס א שעה נאָך מיטנטאָג. טאַבעלע 6 גיט די אבסאָלוטע מינימום טעמפּעראַטורן פאַר יעדן חודש, גע־נומען טעגלאַך מיט א מינימום־טערמאָמעטער.

בירא־בידזשאַן האָט אַן אויסגעשפּראָכענעם נאַסן און טרו־קענעם סעזאָן. די רעגנס באַווייזן זיך אין אַפּריל און זיי ווערן באַזונדערס שטאַרק און אָפט אין יולי און אויגוסט. אָנהויב סעפּטעמבער ענדיגט זיך געוויינלאַך דער סעזאָן פון רעגנס. אין די אַנדערע חדשים פון יאָר איז פאַראַן זייער ווייניג פייכטקייט. דער דורכשניט־אָפּזאַץ פון פייכטקייט לויט די חדשים מיט דעם סך־הכל פאַר א יאָר אויף די זעקס מעטעאָראָלאָגישע אָבזערוויר־סטאַנציעס ווערט געגעבן אין דער טאַבעלע 7. דער גרעסטער אָפּזאַץ פון פייכטקייט פאַר א יאָר איז באַריכטעט געוואָרן אויף דער סטאַנציע אין צפון־מזרח. דאָרט האָט עס אויסגעמאַכט 641 און א האַלב מילימעטער פאַר א יאָר. דער קלענסטער אָפּ־זאַץ פון פייכטקייט איז באַריכטעט געוואָרן אויף דער סטאַנציע בידזשאַן אין דרום־מערב מיט 493 מילימעטער.

די אונטערשיידן אין די סומעס פון מאָנאַטלאַכן רעגנפאַל זיינען זייער באַדייטנדיקע. באַזונדערס איז די חדשים מאַי און סעפּטעמבער. דאָס ווייזט אויף דעם גרויסן אונטערשייד אין דער צייט פונ׳ם אָנהויב און שלום פון רעגן־סעזאָן.

די אָפטקייט און ריכטונג פון די ווינטן אין פּראָצענטן פאַר דער גאַנצער צייט ווערט געגעבן אין טאַבעלע 9.

די ווינטערס, הגם קאַלטע, זיינען אָנגענעמע אדאַנק דעם, וואָס די זון שיינט העל אין משך פון די ווינטער־חדשים יעדן טאָג כמעט אָן איבעררייס. עס ווערט אָנגעוויזן, אַז דער זונשיין אין ווינטער וואָלט געקענט אויסגענוצט ווערן אין פאַרבינדונג מיט אָראַנזשערייען צו קולטיווירן פלאַנצן אונטער גלאָז.

די קלימאַטישע מאַטעריאַלן ווערן סומירט פון פּראָפ. ספּאַר־

טאַנסקי. דער דאָזיקער סך־הכל שליסט איין די מיטעלע יערלאַכע טעמפּעראַטור, דעם דורכשניט־רעגנפאַל, די סומע פון די טעמ־פּעראַטורן אין משך פון וואוקס־פּעריאָד, און די דויערהאַפטיג־קייט פון דעם וואוקס־פּעריאָד. די דאָזיקע דאַטן ווערן גע־בראַכט אין דער טאַבעלע 10.


КАРТА
БИРСКО-БИДЖАНСКОГО РАЙОНА
ДАЛЬНЕ-ВОСТОЧНОГО КРАЯ.
Масштаб — 1:1500000.
Условные знаки:
Хабаровск
Бира
Биджан
Михайло-Семеновское
Екатерино-Никольское
Манчжурия
Гун-цзян
131°0'
132°0'
133°0'
134°0'
135°0'

## טאַבעלע 1 — מעטעראָלאָגישע עקספּערימענטאַלע סטאַנציעס

| עקספּערימענטאַלע סטאַנציע | אָרט | הויך (מעטערס) | צאָל פון יאָרן פון אָבסערוואַציע |
|---|---|---|---|
| אָבלוטשיע . . . . . | ביי דער באַן אין צפון־מערב טייל | 291.8 | 8 יאָר 5 חדשים |
| בידזשאַן . . . . . . | ביים בידזשאַן טייך דרום צענטראַל טייל. | 90.0 | 12 יאָר 7 חדשים |
| בירא . . . . . . . | ביי דער באַן אין צפון־צענטראַל טייל. | 157.4 | 13 יאָר 6 חדשים |
| יעקאַטערינאַ־ניקאָלסק . | ביים אַמור טייך דרום־מערב טייל. | 68.7 | 19 יאָר 5 חדשים |
| ביראָפעלד . . . . . | צענטראַל טייל. | 95.0 | 10 יאָר 1 חודש |
| אין . . . . . . . | ביי דער באַן אין צפון־מזרח טייל. | 51.4 | 7 יאָר 10 חדשים |

# טאַבעלע 2 — מיטעלע חודש טעמפּעראַטור לויט פאַרנהייט

(איבערגערעכנט)

| אָ ר ט | יאַנ. | פעב. | מערץ | אַפּריל | מאַי | יוני |
|---|---|---|---|---|---|---|
| אבלוטשיע | —16.8 | — 5.1 | 11.1 | 33.0 | 48.7 | 60.8 |
| בירא | — 8.3 | — 2.0 | 16.3 | 36.7 | 50.2 | 61.9 |
| יעקאַטערינאַ־ניקאָלסק | — 7.6 | 1.9 | 21.2 | 37.9 | 52.0 | 63.1 |
| ביראפעלד | —10.1 | 0.7 | 15.1 | 37.8 | 50.7 | 63.3 |
| אין | —13.9 | — 3.2 | 13.3 | 35.8 | 57.7 | 63.1 |

| אָ ר ט | יולי | אויג. | סעפּ. | אָקט. | נאָוו. | דעצ. | יערלאַך |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| אבלוטשיע | 67.3 | 63.5 | 50.4 | 32.4 | 8.8 | 13.5 | 28.4 |
| בירא | 68.9 | 65.5 | 53.6 | 36.5 | 13.6 | — 2.6 | 32.7 |
| יעקאַטערינאַ־ניקאָלסק | 69.4 | 67.6 | 55.2 | 38.7 | 20.4 | — 2.2 | 33.2 |
| ביראפעלד | 68.7 | 66.4 | 54.0 | 36.5 | 13.6 | — 5.1 | 32.7 |
| אין | 69.8 | 66.7 | 54.5 | 36.5 | 14.4 | — 7.4 | 31.6 |

## טאַבעלע 3 — דורכשניטלאַכע מאַנאַטלאַכע מאַקסימום לופט טעמפּעראַטור לויט פאַרנהייט

(באַאָבאַכטעט 1 אַזייגער נאָכמיטאָג)

| אָ ר ט | יאַנ. | פעב. | מערץ | אַפּריל | מאַי | יוני |
|---|---|---|---|---|---|---|
| אבלוטשיע . . . . . | — 7.2 | — 5.4 | 20.0 | 40.5 | 57.6 | 68.0 |
| ביראקאַן . . . . . . | — 1.3 | 12.6 | 25.3 | 42.4 | 57.9 | 68.9 |
| בירא . . . . . . . | 0.0 | — 9.7 | 24.3 | 44.8 | 58.8 | 69.6 |
| יעקאַטערינאָ־ניקאָלסק . | — 1.7 | —10.6 | 22.5 | 42.6 | 58.6 | 68.7 |
| ביראַפעלד . . . . . | — 2.2 | — 9.1 | 22.5 | 43.5 | 59.5 | 70.3 |
| אין . . . . . . . | — 2.7 | — 5.4 | 21.8 | 42.3 | 53.6 | 69.8 |

| אָ ר ט | יולי | אויג. | סעפּ. | אָקט. | נאָוו. | דעצ. | יערלאַך |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| אבלוטשיע . . . . . | 74.7 | 72.7 | 59.5 | 42.3 | 15.7 | — 2.7 | 26.8 |
| ביראקאַן . . . . . . | 76.1 | 74.3 | 61.2 | 45.0 | 18.7 | 4.5 | 40.7 |
| בירא . . . . . . . | 75.7 | 74.3 | 61.9 | 45.7 | 20.7 | 1.6 | 40.5 |
| יעקאַטערינאָ־ניקאָלסק . | 74.8 | 74.1 | 63.5 | 46.8 | 23.0 | 4.5 | 40.7 |
| ביראַפעלד . . . . . | 74.6 | 73.9 | 62.4 | 46.4 | 21.2 | 1.9 | 40.3 |
| אין . . . . . . . | 75.2 | 73.9 | 62.6 | 46.2 | 21.0 | 0.7 | 39.6 |

# טאַבעלע 4 — דורכשניטלאַכע מאָנאַטלאַכע מינימום לופט טעמפּעראַטור לויט פאַרנהייט

(געמאָסטן מיט אַ מינימום טערמאָמעטער)

| אָ ר ט | יאַנ. | פעב. | מערץ | אַפּריל | מאַי | יוני |
|---|---|---|---|---|---|---|
| אבלוטשיע | —26.9 | —16.1 | — 7.6 | 21.9 | 35.8 | 48.6 |
| בידזשאַן | | | (נישט געגעבן) | | | |
| בירא | —21.5 | — 9.6 | 1.2 | 24.4 | 37.4 | 52.5 |
| יעקאַטערינאָ־ניקאָלסק | —15.5 | — 8.7 | 5.9 | 27.3 | 41.2 | 53.4 |
| ביראַפעלד | —17.5 | — 9.6 | 3.2 | 26.1 | 39.6 | 53.1 |
| אין | —24.7 | —17.0 | — 1.7 | 27.0 | 39.0 | 52.2 |

| אָ ר ט | יולי | אויג. | סעפּ. | אָקט. | נאָוו. | דעצ. | יערלאַך |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| אבלוטשיע | 55.6 | 54.0 | 40.5 | 21.2 | —2.9 | —20.2 | 17.1 |
| בידזשאַן | | | | (נישט געגעבן) | | | |
| בירא | 57.9 | 56.1 | 42.4 | 29.1 | 3.4 | —16.6 | 21.4 |
| יעקאַטערינאָ־ניקאָלסק | 60.8 | 59.7 | 46.2 | 29.8 | 6.8 | —12.1 | 25.9 |
| ביראַפעלד | 57.4 | 56.5 | 43.5 | 30.8 | 4.1 | —12.3 | 22.8 |
| אין | 59.6 | 57.7 | 44.4 | 27.1 | 1.8 | —16.6 | 20.7 |

## טאַבעלע 5 — אַבסאָלוטע מאַקסימום חודש טעמפּעראַטור לויט פאַרנהייט

(באַאָבאַכטעט 1 אזייגער נאָך מיטנטאָג)

| אָ ר ט | יאַנ. | פעב. | מערץ | אפּריל | מאַי | יוני |
|---|---|---|---|---|---|---|
| אבלוטשיע | 21.2 | 32.0 | 50.9 | 63.7 | 86.4 | 88.0 |
| בידזשאַן | | | (נישט געגעבן) | | | |
| בירא | 21.2 | 33.8 | 54.0 | 77.0 | 84.9 | 88.7 |
| יעקאַטערינאָ-ניקאָלסק | 24.8 | 37.4 | 56.7 | 75.2 | 88.3 | 92.5 |
| ביראַפעלד | 20.8 | 32.5 | 49.5 | 74.3 | 83.7 | 87.8 |
| אין | 20.7 | 26.2 | 47.1 | 72.0 | 84.9 | 85.3 |
| **אָ ר ט** | **יולי** | **אויג.** | **סעפּ.** | **אָקט.** | **נאָוו.** | **דעצ.** | **פאַרן יאָר** |
| אבלוטשיע | 93.2 | 89.1 | 82.8 | 77.0 | 48.2 | 34.5 | 93.2 |
| בידזשאַן | | | | (נישט געגעבן) | | | |
| בירא | 91.4 | 91.8 | 82.4 | 77.0 | 55.4 | 31.1 | 91.8 |
| יעקאַטערינאָ-ניקאָלסק | 95.7 | 91.6 | 81.0 | 74.7 | 51.4 | 34.9 | 95.7 |
| ביראַפעלד | 89.1 | 89.6 | 86.4 | 71.2 | 48.7 | 31.3 | 89.6 |
| אין | 91.8 | 89.6 | 79.2 | 74.8 | 48.2 | 31.8 | 91.8 |

## טאַבעלע 6 — אַבסאָלוטע מינימום טעמפּעראַטור לויט פאַרנהייט

(געמאָסטן מיט אַ מינימום טערמאָמעטער)

| אָ ר ט | יאַנ. | פעב. | מערץ | אפּריל | מאַי | יוני |
|---|---|---|---|---|---|---|
| אבלוטשיע | —47.7 | —38.6 | —29.9 | — 4.2 | 20.3 | 32.7 |
| בידזשאַן | (נישט געגעבן) | | | | | |
| בירא | —38.9 | —33.7 | —21.3 | 2.3 | 21.2 | 32.7 |
| יעקאַטערינאָ־ניקאָלסק | —39.6 | —35.0 | —29.4 | — 3.6 | 25.2 | 36.7 |
| בירפעלד | —36.9 | —36.4 | —26.7 | 0.3 | 21.6 | 35.2 |
| אין | —50.6 | —47.4 | —26.5 | — 9.4 | 24.8 | 32.4 |

| אָ ר ט | יולי | אויג. | סעפּ. | אָקט. | נאָוו. | דעצ. | פאַרן יאָר |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| אבלוטשיע | 39.9 | 35.8 | 19.4 | —4.2 | —33.7 | —51.7 | —51.7 |
| בידזשאַן | (נישט געגעבן) | | | | | | |
| בירא | 37.9 | 36.7 | 24.6 | 5.7 | —24.5 | —46.1 | —46.1 |
| יעקאַטערינאָ־ניקאָלסק | 48.7 | 39.8 | 27.5 | 3.9 | —24.9 | —39.5 | —39.6 |
| בירפעלד | 42.4 | 36.5 | 23.0 | 2.3 | —26.1 | —41.8 | —41.8 |
| אין | 43.9 | 38.8 | 26.2 | 3.7 | —25.8 | —45.4 | —50.6 |

## טאַבעלע 7 — אָפּזאַץ פון פייכטקייט לויט חדשים

(אין מילימעטערס)

| אָ ר ט | יאַנ. | פעב. | מערץ | אפריל | מאי | יוני |
|---|---|---|---|---|---|---|
| אבלוטשיע | 7.7 | 12.5 | 20.9 | 44.5 | 38.6 | 105.9 |
| בידזשאַן | 3.3 | 9.1 | 8.8 | 23.8 | 41.5 | 93.2 |
| בירא | 1.8 | 13.4 | 10.1 | 31.0 | 54.8 | 130.6 |
| יעקאַטערינאָ־ניקאָלסק | 1.2 | 5.4 | 6.1 | 20.4 | 69.6 | 97.5 |
| ביראפעלד | 3.8 | 7.7 | 8.7 | 32.7 | 49.8 | 107.8 |
| אין | 7.8 | 7.0 | 12.3 | 34.4 | 61.0 | 104.5 |

| אָ ר ט | יולי | אויג. | סעפּ. | אָקט. | נאָוו. | דעצ. | צוזאַמען |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| אבלוטשיע | 129.2 | 131.7 | 92.3 | 17.2 | 15.9 | 16.3 | 627.7 |
| בידזשאַן | 95.2 | 89.9 | 89.0 | 20.0 | 11.9 | 7.3 | 493.0 |
| בירא | 124.9 | 107.9 | 105.7 | 18.0 | 23.8 | 23.8 | 639.8 |
| יעקאַטערינאָ־ניקאָלסק | 99.8 | 121.0 | 74.5 | 17.4 | 5.8 | 2.2 | 520.9 |
| ביראפעלד | 115.0 | 129.8 | 100.7 | 19.8 | 14.6 | 9.3 | 613.0 |
| אין | 149.0 | 106.6 | 104.4 | 25.0 | 22.6 | 6.7 | 641.5 |

# טאַבעלע 8 — די אונטערשידן אין רעגנפאַל צווישן פרילינג און זומער

(אין מילימעטערס)

| אָ ר ט | צאָל יאָרן אין משך פון וועלכע ס'זיינען געמאַכט געוואָרן אָבזערוואַציעס | מאַי מאַקס. | מאַי מינ. | יוני מאַקס. | יוני מינ. |
|---|---|---|---|---|---|
| אַבלוטשיע . . . . | 7 | 76.1 | 2.0 | 167.6 | 28.8 |
| בידזשאַן . . . . . | 11 | 92.0 | 20.9 | 149.6 | 16.7 |
| בירא . . . . . . . | 13 | 156.7 | 14.1 | 194.0 | 51.8 |
| יעקאַטערינאַ־ניקאָלסק . | 19 | 253.7 | 25.0 | 145.4 | 15.0 |
| בּיראַפעלד . . . . | 9 | 97.2 | 10.4 | 152.8 | 74.8 |
| אין . . . . . . . | 9 | 113.2 | 31.2 | 156.0 | 74.3 |

| אָ ר ט | צאָל יאָרן אין משך פון וועלכע ס'זיינען געמאַכט געוואָרן אָבזערוואַציעס | יולי מאַקס. | יולי מינ. | אויגוסט מאַקס. | אויגוסט מינ. | סעפּטעמבער מאַקס. | סעפּטעמבער מינ. |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| אַבלוטשיע . . . . | 7 | 219.0 | 48.0 | 259.9 | 48.0 | 159.9 | 49.9 |
| בידזשאַן . . . . . | 11 | 235.1 | 39.3 | 162.1 | 15.6 | 172.2 | 23.9 |
| בירא . . . . . . . | 13 | 224.9 | 50.5 | 247.8 | 9.5 | 191.1 | 31.0 |
| יעקאַטערינאַ־ניקאָלסק . | 19 | 235.1 | 12.1 | 228.2 | 26.9 | 216.1 | 16.4 |
| בּיראַפעלד . . . . | 9 | 263.1 | 60.0 | 217.5 | 28.6 | 193.7 | 18.8 |
| אין . . . . . . . | 5 | 293.3 | 102.5 | 229.3 | 42.4 | 173.7 | 48.1 |

## טאַבעלע 9 — די ריכטונג פון ווינט און שטילקייט אין פּראָצענט פון דער גאַנצער צייט

(פאַר די זומער און ווינטער סעזאָנען)

| אָרט | ווינטער | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | צפון | צפון־מזרח | מזרח | דרום־מזרח | דרום | דרום־מערב | מערב | צפון־מערב | רואיק |
| אבלוטשיע | 4 | 2 | 5 | 3 | 4 | 6 | 11 | 5 | 60 |
| בירא | 2 | 0 | 2 | 2 | 1 | 4 | 32 | 23 | 34 |
| ביראפעלד | 5 | 6 | 4 | 1 | 5 | 46 | 22 | 2 | 9 |
| יעקאַטערינאָ־ניקאָלסק | 33 | 4 | 3 | 1 | 2 | 4 | 7 | 21 | 25 |
| אין | 6 | 5 | 3 | 2 | 7 | 23 | 16 | 6 | 32 |

| אָרט | זומער | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | צפון | צפון־מזרח | מזרח | דרום־מזרח | דרום | דרום־מערב | מערב | צפון־מערב | רואיק |
| אבלוטשיע | 4 | 2 | 8 | 9 | 6 | 5 | 8 | 6 | 52 |
| בירא | 3 | 4 | 11 | 7 | 2 | 3 | 13 | 8 | 49 |
| ביראפעלד | 12 | 12 | 18 | 9 | 9 | 17 | 13 | 2 | 8 |
| יעקאַטערינאָ־ניקאָלסק | 11 | 11 | 14 | 6 | 6 | 8 | 4 | 9 | 31 |
| אין | 5 | 15 | 11 | 7 | 12 | 13 | 8 | 3 | 25 |

## טאַבעלע 10 — סך הכל פון די קלימאַטישע דאַטן

| אָ ר ט | מינימום דורכשניט טעמפּעראַטור | דורכשניט רעגנפאַל (מילימעטער) | ווענעטאַציע פּעריאָד: סומע פון מעג־לאַכע מינימום טעמפּעראַטורן (לויט צעלס.) | ווענעטאַציע פּעריאָד: דויער |
|---|---|---|---|---|
| אבלוטשיע . . . . . | —2.0 | 627.7 | 2,315 | 156 |
| ביראַקאַן . . . . . . | —0.9 | 796.0 | 2,335 | 162 |
| יעקאַטערינאָ־ניקאָלסק . | 1.2 | 520.9 | 2,625 | 176 |
| ביראַפעלד . . . . . | 0.4 | 599.7 | 2,545 | 171 |

# נאטירלאַכע רייכטימער

## האָלץ און אַנדערע וואַלד-רייכטימער.

(אויסצוג פון אַן אַרבעט, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון פּראָפ. וו. מ. סאַווידזש, פון אוניווערזיטעט פון וויטן מזרח).

בירא בידזשאַן איז ארומגעצוימט מיט דריי פיזיקא-געאָגראַפישע געגנטן.

1) מזרח סיביר וואָס צייכנט זיך אויס מיט וועלדער פון לערכן בוימער (Larix Dahurica) ווי אויך מיט באַדייטנדיקע טאָרף פארמאציעס.

2) מאַנדזשוריע, וואָס ליגט מער צו דרום צו און וועמענס באָדן איז פאַרהעלטניסמעסיק ווארימער און די וועלדער פאַרמאָגן ברייט-בלעטערדיקע בוימער; און

3) די אכאַצקער געגנט, וואָס הגם איר באָדן איז שטאַרק ענלאך צום באָדן פון מאַנדזשוריע, אונטערשיידעט זי זיך אָבער דורך אירע הויך-אַנטוויקלטע סאָסנאָווע וועלדער.

דאָס היינטיקע בירא בידזשאַן פאַרמאָגט עלעמענטן פון די אַלע דריי טיפּן און איז אין דעם פּרט זייער ענלאך צו דרום-קאַנאַדע און צום צפון טייל פון די פאַראייניקטע שטאַטן, באַזונדערס ווען מען נעמט אַלס טיפּן פון איין זייט אָנטאַריאָ און פון דער אַנדערער זייט מישיגען. אין באַצוג צו די טיפּן קאָן מען אין בירא בידזשאַן אָנווארפן מער-ווייניקער די דאָזיקע סכעמע:

די טאָלן, קאַלט און זומפּיק, ווי אויך די העכער ליגנדיקע אָבער זייער שוואך דרענירטע פלאַטאָס זיינען באַדעקט מיט וועלדער פון דעם ערשטן טיפּ; דער מער באַרגיקער, ווארימער דרום, די בעסער דרענירטע פלאַטאָס, און די שטאַרק משופּע'דיקע בערג, זיינען באַדעקט מיט געוויקסן פון א מאַנדזשורישן טיפּ וואָס דערמאָנען אָן דער פלאָרא פון די אַטלאַנטישע שטאַטן; און די

מער הויכע טײלן פון די שאָטנדיקע בערגלאַך פאַרמאָגן דעם אכאַטסקער טיפ. אין דער גאַנצער פלאָרא פון בירא בידזשאַן זעט זיך אויך אַרוים דער מענטשלאַכער איינפלוס. באַזונדערס וואַרפן זיך אין די אויגן די רעזולטאַטן פון די וואַלד־פייערן. די פייערן האָבן אין מאַנכע פלעצער פאַרניכטעט אַלע בוימער, פאַרוואַנדלענדיק די געגנטן אין הוילע לאַנקעס. אין אַנדערע פלעצער האָבן זיי פאַראורזאַכט אַן ענדערונג אין דעם טיפּ פון דער וועגעטאַציע, פּראָדוצירנדיק נייע דורות פון פלאַנצונגען. די דריי טיפּן פון וועלדער ווערן אַזוי באַשריבן:

1) דאָס האָלץ פון דעם לערכן־בוים ווייזט אַרוים אַ ווידערשטאַנד געגן פוילן און אַנטהאַלט אַ סך סמאָלע. עס ווערט זייער פיל גענוצט פאַר בוי־צוועקן. אַזוי ווי די טאָלן ווערן צוערשט קאָלאָניזירט איז קלאָר וואָס פאַר אַ גרויסע באַדייטונג זיי האָבן פאַר קאָלאָניזאַציע. אַלס רעזולטאַט פון די פייערן דרינגט אַריין די ווייסע בעריאָזע (Betula Japonica) אין די האַלב צושטערטע לערכן־בוים געגנטן. די דאָזיקע בעריאָזע וואָס איז ווידערשטאַנדספייאיק קעגן פייער און וואָס באַנייט זיך זייער שנעל, וועט זיין אַ גוטע שוץ־וואַנט פאַר די דערפער און פעלדער. זי וועט אויך זיין פון נוצן אין כעמישע אינדוסטריען. די וועלדער פון דעם טיפּ כאָטש זיי זיינען שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרן דורך די גרויסע פייערן האָבן נאָך אַלץ, אַ דאַנק זייערע ריזיקע שטרעקעס, אַ פּראַקטישע באַדייטונג אַלס האָלץ־רעזערוון.

דער לערכן־בוים איז אַן ערך דרייסיק צענטימעטער אין דיאַמעטער און ביז צו 20 מעטער הויך. די בעריאָזע איז אַרום 25 צענטימעטער אין דיאַמעטער און צווישן 10 און 15 מעטער הויך. די וועלדער פאַרמאָגן קוים וועלכע עס איז קוסטעס.

צווישן די קוסטעס וואָס מ׳טרעפט דאָ אָן זיינען די Ledum Palustre אַ וויכטיקע נעקטאַר־פלאַנץ; די בלויע יאַגדע די זשוכלינע (Vaccinum uliginosum) Vaccinum vitis און די ‘Lonicera edulis, אַ לייכט צו קולטיווירנדיקע און פּראָפיטאַבלע יאַגדע. אין די זומפּיקע לערכן־בוים וועלדער טרעפט מען דעם Salix repeus, אַ קוסטע וואָס פאַרמאָגט נעקטאַר.

אין דעם Laricetum (גראזצודעק) קען מען פאר די פייערן באמערקן א סך טאָרפיקן מאָך וואָס פאראורזאכט דאָס אנזאמלען זיך פון טאָרף און פייכטקייט. נאָך די פייערן קומען ארויס ריד־גראָזן, (Carex) באזונדערס די Calamagrostis langsdorfia, זי שפּילט א וויכטיקע ראָל אין דער פּראָדוקציע פון היי, וואָס גיט ארויס אין דעם אוסורי געגנט ארום דריי טויזנט קילאָגראַם אויף א העקטאר. אין די שפּעטערע שטופן באווייזן זיך אויך אַנדערע מינים אזעלכע ווי די ווילדע וויקע.

2) דער מאַנדזשורישער טיפּ איז שטארק דורכגעמישט מיט דער קאָרייאישער סאָסנע Pincus Koreansis. אויף די דרום'דיקע בערגלאָך וואַקסט מיט איר צוזאמען דער דעמב, און אויף די שאָטנדיקע בערגלאָך וואַקסט זי צוזאמען מיט דער ליפּע. די קאָרייאישע סאָסנע האָט א הויכן ווערט אַלס עקספּאָרט האָלץ. די בוימער וואָס מ'האָקט איצט זיינען צוויי הונדערט יאָר אַלט און מען קאָן אויך געפינען אזעלכע פון פינף הונדערט און זעקס הונדערט יאָר. די דורכשניטלאכע קאָרייאישע סאָסנע איז ארום דרייסיק מעטער הויך און פון זעכציק ביז ניינציק צענטימעטער אין דיאמעטר. צוליב איר הויכן ווערט אַלס בוי־מאַטעריאל זיינען די סאָסנעס אויסגעהאַקט געוואָרן פון די געגנטן וואָס ליגן נעבן די טראַנספּאָרט־ליניעס. א חוץ דעם ליידן זיי באזונדערס שטאַרק פון די פייערן צוליב דעם וואָס זיי פארמאָגן אין זיך א סך סמאָלע. אין די ווייטערע געגנטן, מער צו צפון פון בירא בידזשאן, זיינען די סאָסנע וועלדער נאָך פארבליבן מער ווייניקער אומבאַ־רירט. די סאָסנע גיט ארויס פון זיך א גרויסן נוס וואָס איז פול מיט אויל. אין דעם ווייטן מזרח איז דאָס איינזאמלען פון די ניס א קוואַל פון הכנסה פאר דער באפעלקערונג.

א חוץ דעם דעמב (Quereus Mongolica) און דער ליפּע (Tilia Amureusis) איז די סאָסנע ארומגערינגלט מיט דער שווארצער בעריאָזע (Betula Dahurica), דעם קאָרק־בוים (Phelbodendron), דעם יאסין (Fraximes Manchuria), דעם קליאָן (Acer Mous) און דעם מאַנדזשורישן נוס־בוים. די דעמבענע וועלדער האָבן ניט קיין גרויסן קאָמערציעלן ווערט. ניט

קוקנדיק דערויף וואָס דער דעמב דערגרייכט דעם עלטער פון הונדערט יאָר, איז ער קרום און זיין האָלץ איז ניט ערשט־קלאַסיק און קען גענוצט ווערן נאָר פאַר פאַרקעט־דילן, אייזנבאַן־שוועלן און גאַרב־שטאָף. וויכטיקער זיינען די קוסטעס אַרום די דעמבעס. דאָ געפינט מען פיינע נעקטאַר־פלאַנצן ווי Lespediza bicolor, Atractylis ovata, Cinifugo simplex און אַנדערע. אַזוי אַרום זיינען די בערגיקע דעמב־וועלדער אַ גוטער באָדן פאַר האָניק־פּראָדוקציע אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב. אַ חוץ דעם איז די Lespediza אַן אויסגעצייכנטע נאָרונג פאַר דעם געפּלעקטן הירש, וואָס ווערט געהאָדעוועט אין אוסורי און ברענגט גוטע פּראָפיטן. אויף די שטרעקעס וואו עס וואַקסט דער דעמב אַנטוויקלט זיך געוויינטלאַך אַ גוטער פּאַדזאָל באָדן, באַדעקט פון אויבן מיט שוואַרצער פעטער ערד, 10 ביז 15 צענטימעטער דיק. זיי זיינען זייער פּאַסיק פאַר דער פּראָדוקציע פון קוקורוזע, טאַבאַק, טאָמאַטן, באָב און אַנדערע מאַנדזשורישע פלאַנצן. די אַמור טרויבן וואָס מ׳געפינט דאָ, קענען אויך קולטיווירט ווערן פאַר דער פּראָדוקציע פון רויטן וויין. די ליפּע, אַ חוץ וואָס זי איז איינע פון די בעסטע האָניג־פלאַנצן, שטעלט אויך צו האָלץ וואָס איז גוט פאַר פּאַפּיר און פאַר אַנדערע זעג־מיל פּראָדוקטן. דאָס האָלץ פון דעם Phellodeudron, אַן ערשט־קלאַסיקע האָניג־פלאַנץ, איז אַ גוטער מאַטעריאַל פאַר מעבל און זיין דיקע קאָרקענע קאָרע קאָן גענוצט ווערן פאַר איזאָלירונג. דאָס האָלץ פון דעם מאַנדזשורישן נוסבוים איז ווערטפול פאַר דעם מעבל־מאַכער און ווערט עקספּאָרטירט קיין יאַפּאַן אין גרויסע קוואַנטיטעטן אַלס מאַטעריאַל פאַר עראָפּלאַן פּראָפּעלערס. דער מאַנדזשורישער יאַסין איז גוטער פּאַפּיר מאַטעריאַל. דאָס האָלץ פון Maaccia amureusis, טונקל ברוין אין קאָליר, איז האַרט און פוילט ניט. דער קליאָן, אַ פיינע האָניג־פלאַנץ, גיט גוטע פּלאַכע האָלץ פאַר מעבל. עס איז קלאָר, אַז די דאָזיקע וועלדער דאַרפן ווערן אָפּגעהיט און געפּלאַנצט, סיי אין די אינ־טערעסן פון דער בינענצוכט, סיי צוליב דעם ווערט פון דעם האָלץ.

3) די אָכאָטסקער וועלדער געפינט מען אויף דער שאָטנזייט

פון די בארגשפּיצן, אויף הויכע טרוקענע פּלאַטאָס און אין שמאָלע טרוקענע טיילן פון די באַרגטאָלן, אין א הויך פון פיר ביז זעקס הונדערט מעטער. די וועלדער האָבן דעם גרעסטן האנדלס ווערט צוליב דעם וואָס זיי שטעלן צו דעם גרעסטן טייל האָלץ פאַר דער האָלץ־אינדוסטריע אין דעם ווייטן מזרח. ליגנדיק אַזוי הויך אין די בערג, האָבן זיי אָם ווייניגסטן געליטן פון פייערן. אין זייער יונגפרוילאַכן צושטאַנד געפינט מען זיי אין די אויבערשטע טיילן פון די טייכן סטאַריקאָווא און פּאַמפּייעווקאַ. דער ווערטפולסטער מין איז Picca ajaneusis (טענענבוים), וואָס דערגרייכט פון 40 ביז 60 צענטימעטער אין דיאַמעטער און 20 ביז 25 מעטער אין הויך. דאָס צווייטע געוויקס פון די וועלדער איז די וויים־קאָרעדיקע באַלזאַם־יאָלקע (Abes nephrolepis) אַרום 50 צענטימעטער אין דיאַמעטער און 15 ביז 16 מעטער הויך. דאָ געפינען מיר אויך די שלאַנקע קאַמטשאַטקער שטיין־בעריאָזע (Betula Ernanii, פון 70 ביז 80 צענטימעטער אין דיאַמעטער, און 20 ביז 22 מעטער הויך. דאָס האָלץ פון דעם טענענבוים איז ווערטפולער בוי־מאַטעריאַל. ער איז איצט דער הויפּט עקספּאָרט־אַרטיקל קיין יאַפּאַן. אויך די יאָלקע איז זייער ווערטפול, ווייל פון איר האָלץ באַקומט מען צעללולאָזע. זי איז נאָענט פאַרוואַנדט צו דער אַמעריקאַנער Abies balsomea און, פּונקט אַזוי ווי די לעצטע, האָט זי אויף איר קאָרע סמאָלע־קנוילן, פון וועלכע עס ווערט אַרויסגעצויגן דער קאַנאַדישער באַלזאַם. די נאָדלען פון דער יאָלקע און באַזונדערס פון דעם טענעבוים גיבן אַרויס אַראָ־מאַטישע סובסטאַנצן און בוימלען. די קאַמטשאַטקער בעריאָזע וועט אויך זיכער אַרויסגעבן אַזעלכע פּראָדוקטן ווי די ווייסע בעריאָזע.

די קוסטעס פון די אָכאָטסקער וועלדער פאַרמאָגן דעם גרין קאָרעדיקן קליאָן Acer tegumentosum און Actinidia Kalomicta מיט זיינע זיסע יאַגדעס. פון דעם איז געדרונגען אַז די פּלעצער וואָס די וועלדער פאַרנעמען זיינען גענוג וואַרים פאַר די דרום־מאַנדזשורישע פּלאַנצן פון דעם מין.

אַזוי אַרום איז די פלאָרא פון בירא בידזשאַן, כאָטש עס פעלן אין איר מאַנכע פון די שישקע־ און בלעטער־בוימער, וואָס

זיינען כאראקטעריסטיש פאר'ן וויטן מזרח און כאָטש זי איז טיילווייז באשעדיקט געוואָרן פון פייערן, פארמאָגט נאָך אלץ גענוג האָלץ און וואלד־רייכטימער ניט נאָר פאר אייגענעם געברויך נאָר אויך פאר עקספאָרט. א חוץ דעם פארמאָגט זי נאָך א גאנצע ריי פלאנצן וואָס זיינען פאסיק פאר קולטיווירונג.

## די פאונא (חיות).

די ערשטע אייראָפּעער וואָס האָבן זיך באזעצט אין דעם לאנד וואס איז איצט באקאנט אלס בירא בידזשאן, זיינען פאר זייער נארונג געווען אָפּהענגיק מערסטנס פון די ווילדע חיות און גראָזן פון יענעם געגנט. לאנדווירטשאפט האָט זיך שטופנווייז אויסגעברייטערט, אזוי אז ביים היינטיקן טאָג שפילט זי, אָן צווייפל, א באדייטנדערע עקאָנאָמישע ראלע אינ'ם לעבן פון דער באפעלקערונג ווי יאגד; טראָץ דעם וואָס נאָך עד היום איז א טייל פון די איינוואוינער אָפּהענגיג פון די ווילדע חיות, דאָך ווערט פון די יעגער גופא צוגעגעבן, אז יעגעריי פארלירט דעם ווערט פון יאָר צו יאָר, ווייל די ווילדע חיות שטארבן צוביסלאך אָפּ. זיי זיינען אבער מיט דער מיינונג, אז די ניט־לאנג איינגע־פירטע יאגד־סעזאָנען און אנדערע כללים וועלן מיטהעלפן אז עס זאָל זיין א שטענדיקער צוואוואוקס פון וויכטיקע חיות. די חיות וועלכע זיינען פון עקאָנאָמישער באדייטונג פאר דער באפעל־קערונג זיינען:

**פוטער היות:** די וועווערקע, דער טכויר, דער הערמאלין און דער פוקס. אין דעם אויסגערעכנטן סדר זיינען וויכטיקע פוטער־חיות. די וועווערקע, גרויס געוואקסן, פארנעמט דאָס ערשטע אָרט, ווייל זי געפינט זיך אין א פיל גרעסערער צאָל ווי די אנדערע. די פעל פון א וועווערקע ברענגט אריין דעם יעגער ארום אָנדערטהאלבן רובל.

די טכויר־ און הערמאלין־פעלן זיינען פון וויכטיגקייט אין דעם פוטער האנדל, אָבער דער יעגער טרעפט זיי אָן זעלטענער ווי די וועווערקע. דער פוקס פארנעמט דעם לעצטן פלאָץ אויפ'ן ליסט דערפאר ווייל ער איז אין דער געגנט שוין כמעט ניטאָ.

**פעלן:** אויף דעם ווילדן חזיר, דעם הירש, דעם בער און קליינעם הירש וואָס געפינט זיך אין דעם געגנט, ווערט געמאכט יאגד הויפּטזעכלאך צוליב זייערע פעלן, פאר וועלכע עס איז פאַראַן אַ גוטער מארק. מיט דעם פלייש פון די חיות באַנוצן זיך די יעגער אלס שפּייז פאר זיך גופא, ווייל עס האָט אַ קליינעם אָדער בכלל קיין ווערט ניט פארן פאַרקויף.

**פייגל:** די פייגל אין בירא בידזשאַן זיינען ניט באזונדערס צאָלרייך. די וויכטיקע יאגד־פייגל זיינען די ווילדע הון, די האָזן־הון, דער פאזאן און קאַטשקעס. חוץ זייער שפּייז ווערט פאַר די יעגער איז אויך פאראן אַ מארק פאַר די פייגל.

**מאַרק פאַר חיה פּראָדוקטן:** די פּראָדוקטן פון ווילדע חיות, וואָס האָבן אַ האנדלס־ווערט, ווערן פאַרקויפט דורך דעם יעגער־פאַרבאנד, אַ קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציע מיט קאַנטאָרן און שפּייכלערס אין פארשיידענע ערטער. ביים קאָאָפּעראַטיוו אין די הענט געפינען זיך אויך ספּעציעלע רעזערוון פון ארטיקלען וואָס האָבן אַ שייכות צום יאגד־האנדל.

**פיש:** די גרויסע צאָל טייכן און שטראָמען, פון וועלכע בירא בידזשאַן ווערט דורכגעשניטן אין אַלע ריכטונגען — אַ חוץ דעם גרויסן טייך אַמור, וואָס פליסט אין זיין מיטלוועג אַ שטרעקע פון 540 קילאָמעטער דורך דער לענג פון די מערב־ און דרום־גרעניצן פון בירא בידזשאַן — זיינען פול מיט כל'ערליי פיש. דאָס איז ניט נאָר אַ באַהויפּטונג פון געלערנטע, נאָר ווערט באַשטעטיקט פון דער גאַנצער אָרטיקער באַפעלקערונג. די פאָלגנ־דע מינים ווערן אין די וויסנשאַפטלאַכע באַריכטן אויסגערעכנט אַלס כאַראַקטעריסטיש פארן מיטל אַמור (דער טייל פונ'ם אמור וואָס גרעניצט זיך מיט בירא בידזשאַן).

די פאַמיליע Acipenseridae: קאַלוגאַ (Huso Deuricus (Georgi; אַמור סטוירדזשאַן — (Acipenser Schrencki Brandt).

די פאַמיליע Salmonidae: טשומען (Hucho Taimen Pallas); לענאָק (Brachymista Lenok Pallas); Goregonus Chadary (Dybowski); (Thymallus Arcticus Grubei Dybowski).

די פאַמיליע Osmeridae: קאָריושקאַ (Mesopus Olidus Pallas)

די פאַמיליע Syprinidae, יאַז אָדער טשעבאַק; (Leuciscus Waleckii Dybowski); אַמור — (Ctenopharyngodon Idella (Valencien; קראַסנאָפּיערקאַ — (Pseudaspius Leptosephalus (Pallas; קאָן — (Hemibarbus Labeo Pallas): פּעסקאַר — (Hemibarbus Labeo Var. Maculatus Bleeker): ליסינקע — Parabramis Terminalis: (Parabramis Pekinensis Basilewski) Richardson; ווייס־פיש — (Culter Erythropterus Basilewski): קראַסנאָפּיער אָדער ווייס־פיש (Culter Mongolicus Basilewski); קאַראַס — (Carassius Carassius Linne); קאַרפּ אָדער סאַזאַן — (Ciprinus Carpio Linue); סיטש — (Elopychthys Bambusa); מאָקסון — (Hypophtalmichthys Molitrix).

די פאַמיליע Siluridae: אַמור סאָם — (Parasilirus Asotus)

די פאַמיליע Bagridae: קראַסקאָ אָדער סקריפּון — (Pseudobagrus Fulvidraco Richardson)

די פאַמיליע Esocidae: העכט (Esox Reicherti Dybowski).

די פאַמיליע Serranidae: אָקון (Sinopierka Chua-tsi Bas).

די פאַמיליע Gadidae: נאַלים — (Lota Lota Linne).

די פיש־רייכטימער פון די אינערע טייכן, בירא, בידזשאן און זייערע נעבן־צופלוסן, ווי אויך די נעבן־טייכן פונ׳ם אמור זיינען ווייניק אויסגעפאָרשט געוואָרן. צווישן דער אָרטיקער באפעלקערונג ווערט איבערגעגעבן אז די פאָלגנדע פיש ווערן מערסטנס געכאפּט אין דער דערבייאיקע טייכן: לענאָק, אמור, קראסנאפּערקא, פּעסקאר, קאראס, קארפּ אָדער סאזאן, סאָם, העכט א. ד. ג.

דאָס וויכטיקסטע פיש־געשעעניש פונ׳ם יאָר איז דער „לויף פון דער קעטא״. דאָס איז די צייט ווען די קעטא פיש, א מין לאָקס Onesynchus Keta, אָדער אויל־לאָקס, קומט אָרויף פונ׳ם ים און לאָזט ארויס די רויגן אין די טייכן פון אמור. אויפן וועג צו די אויסבריערייען ווערט די קעטא געכאפּט מאסנ־ווייז איבער דער גאנצער גרויס פון אמור. די קעטא איז פון גרויס באדייטונג פאר קאָנסערוון און פאר דער אינדוסטריע פון רויטן קאוויאָר. אין די טייכן פון בירא־בידזשאן באווייזט זיך דער אויל־לאָקס אין פריען הארבסט. חוץ די נאטירלאכע אויס־בריערייען ווערט אויך אויפגעהאלטן א ספּעציעלע סאזשעלקע און בריערייי אויפ׳ן טייך בירא אין דער געגנט פון לאנדאנקא.

## מינעראל רייכטימער.

דער רייכטום אין מינעראל אין א געגנט וואָס האלט ביים קאָלאָניזירט ווערן, האָט די גרעסטע באדייטונג פאר׳ן בויען פון לאנד. מינעראלן שטעלן צו די רוי־מאטעריאלן פון וועלכע עס ווערן אויסגעארבעט ווערטפולע ארטיקלען; זייער אנוועזנהייט סטימולירט די אנטוויקלונג פון גרעסערע אינדוסטריען, פאר־פילפאכט די מעגלאכקייטן פאר ארבעט, און בילדעט א רינג אין דער קייט, דורך וועלכער דאָס נייע לאנד ווערט, צוליב זיין סחורה־פּראָדוקציע, פארבונדן מיט דער אלגעמיינערווירטשאפט פון די דערבייאיקע געגנטן.

ס׳איז כדאי צו באמערקן, אז אלע געאָלאָגישע אויספאָר־שונגען אין פארבינדונג מיט בירא־בידזשאן האָבן ביז ניט לאנג צוריק אויף זיך געטראָגן דעם שטעמפּל פון וויטן מזרח. דער געאָלאָג פלעגט רעזומירן די רעזולטאטן פון זיינע אויספאָרשונ־

גען אויף אַן אַלגעמיינעם אופן; ווי צ. ב. אין דעם אָדער יענעם טייל פון ווייטן מזרח קען מען געפינען אזעלכע און אזעלכע מינעראַלן. דער חסרון דערפון ליגט פון אויבנאויף. די רעזול־טאַטן פון דעם אויספאָרשערס אונטערזוכונגען פארלירן זיך לייכט אין די גרויסע שטרעקעס פון ווייטן מזרח און בלייבן אַ טויטער בוכשטאַב, נעמענדיק אין אכט, אז דער געגנט איז כמעט אומ־באוואוינט און עס פעלט די מענטשלאַכע איניציאַטיווע און ארבעט.

מיט׳ן ארויפשטעלן בירא־בידזשאַן אויף דער מאַפּע, מיט׳ן פעסטשטעלן די גרעניצן און אויסארבעטן אַ גענוי באַשטימטן פּלאַן, הייבט מען אָן צו פארשטיין די ארבעט פונ׳ם געאָלאָג. אין אַ לאַנד, וואו פּראָדוקטיווע ארבעט ווערט געפּלאַנט מיטן צוועק צו בויען אַ קולטורעל לעבן, וואו די מענטשלאַכע איניציאַ־טיווע וועט זיך אַ לאָז טאָן מיט׳ן פולן שוואונג און געזונטע כחות צו דער ארענא פון שעפערישער פּראָדוקציע, — אין אַזאַ לאַנד איז די אנוועזנהייט פון מינעראַל רייכטימער פון דער גרעס־טער באַדייטונג; עס באַשטימט דעם פּנים פון אַזאַ געגנט, עס מאַכט עס מער ווינשנסווערט, ווייל עס איז פיל מער פאַר־שפּרעכנד.

אין פאָלגנדן איז אַ קורצע באשרייבונג פון די מער אויס־געפאָרשטע מינעראַלן:

1) אייזן — שטיצנדיק זיך אויף אזעלכע אויטאָריטעטן ווי אנהערט און פּאָלעוואָי פארדינט דאָס נאַטירלאַכע רויטע אייזן פון בירא־בידזשאַן די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט סיי צוליב זיין קוואַליטעט, סיי צוליב דער קוואַנטיטעט. די אַרץ לאַגערן געפינען זיך אין צוויי זאָנען. זיי ציען זיך פונ׳ם אַמור אין דרום ביז צו דער באַן־ליניע אין צפון איבער אַ לענג פון 96 קילאָמעטער, לויפנדיק מערידיאָנאַל און כמעט פאראַלעל איינער צום אנדערן און צו די מזרח־שפּיצן פון די קליינע כינגאַן בערג. די דרום׳דיקע זאָנע פון די מינעראַל לאַגערן הייבט זיך אָן ביים אַמור (ניט ווייט פון דעם דאָרף סאָיוזני), ציט זיך צום צפון ביז צום פּאָמפּייעווקא טייך, און פארנעמט זיך צו צפון־מזרח ביים סאַמאַראַ טייך. די

ווייניקער אויסגעפּאַרשטע צפון זאָנע שפּרייט זיך אויס צום דרום פון דער באַן ליניע ביי לאַנדאַקאַ.

די געאָלאָגישע סטרוקטור פון די צוויי זאָנען איז אין גרונד אַן איינהייטלאַכע. זוכנדיק פון מערב צו מזרח, טרעפן מיר אָן צוערשט קוואַרץ־פּאַרפירן (גלאַזשטיין); נאָך דעם פּאָלגן מאַסי־ווער גראַניט און גנייס, וואָס ווערט פאַרביטן ערטערווייז פון קרישטאָלענע פלאַטן און אַנטוויקלען קאַלכשטיין. צווישן און איבער די מעטאַמאָרפישע פעלזן און לאַמיטישן קאַלכשטיין, ציט זיך דער אַרץ געגנט וואו עס ליגט איינגעגראָבן דער האַרנשטיין און רויטער אייזן. די דורכשניטלאַכע ברייט פון די לאַגער־זאָנען איז אין ערך 16 קילאָמעטער.

פּאָלעוואַי שאַצט אָפּ, אז די וואַרשיינלאַכע לאַגערן פון רויען מעטאַל אין דער דרום'דיקע זאָנע זיינען אַרום 5 מיליאָן טאָן. דער אייזן אַנטהאַלט צווישן 37 און 43 פּראָצענט, דערגרייכנדיק אין די בעסערע פלעצער אַזוי פיל ווי 50 און אפילו 70 פּראָצענט.

ריידנדיק וועגן דער אינדוסטריעלער און קאָמערציעלער באַ־דייטונג פון בירא־בידזשאַנ'ער אייזן דעפּאָזיטן, קומט אַנהערט צום פּאָלגנדן שלוס: 1) די קליינע כיגגאַן מעטאַל דעפּאָזיטן פאַרנעמען וואָס איז שייך דער קוואַנטיטעט, דעם ערשטן פּלאַץ אין דעם וויטן מזרח; 2) אין זייער אויסזען זיינען זיי אם נע־ענטסטן צו די קריוואָי־ראָגער דעפּאָזיטן אין דרום אוקראַינע; 3) זייער אינדוסטריעלע באַדייטונג איז אָפּהענגיק דערפון צי עס וועלן זיין די הייץ־מאַטעריאַלן, וואָס מען דאַרף כדי צו שמעלצן דעם רויען מעטאַל. אין באַצוג צום לעצטן פּונקט קען געזאָגט ווערן דאָס פּאָלגנדע: די צפונ'דיקע דעפּאָזיטן זיינען נאָך אַלץ אַרומגערינגלט מיט וועלדער, וואָס דאָס מיינט, גענוגנדער שמעל־צונג־מאַטעריאַל, א זאַך וואָס קען ניט געזאָגט ווערן וועגן די דרום'דיקע דעפּאָזיטן, וואָס ליגן אין א זאָנע וואס איז שוין לאַנג באַרויבט פון אירע וועלדער. דאָך אָבער, ווי אַנהערט ווייזט אָן, וועט דער קאָקס, וועלכן מען קאָן ברענגען איבער'ן אַמור פון סאַכאַלין (כאָטש עס קענען געפונען ווערען נעענטערע פּלעצער), פאַרענטפערן די פּראָבלעם.

ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אז דער ווייטער מזרח, איינשליסנ־דיק בירא־בידזשאַן, אלס א וואקסנדיקע קאָלאָניאזאציע לאנד, איז אַן אומבאגרענעצטער מארק פאַר אייזן און זיינע ביי־פּראָדוקטן. און חוץ דעם אַלעם, איז יאפּאַן, וואָס דאַרף אַ סך, און האָט זייער ווייניק אייגענעם מעטאַל, אַ זיכערער קונה.

2) גראַפיט. — גראַפיט געפינט זיך אין א גאנצער ריי פּלעצער אין בירא־בידזשאַן. פון דעם טייך קאמענישקא, שפּרייט זיך אויס א פּאַס פון גראפיט פלאטן (אנטדעקט פון אנערט׳ן) און ציט זיך אין א דרום־מערב׳דיקער ריכטונג צום בירא טייך. צו דרום פון דער קוילן סאפקע טורוק ציען זיך גראפיט דעפּאזיטן, וועגן וועלכע מינען־אינזשעניר קאנסטאַנטינאָוו, וואָס האָט זיי אויסגעפאָרשט, זאָגט אז זיי האָבן אַן אינדוסטריעלע צוקונפט. אם בעסטן אויסגעפאָרשט זיינען די דעפּאזיטן ארום דעם ביעלי טייך, א נעבן־טייך פון אמור, וואָס לויפט צווישן די דערפער סאָיוזנע און פּאַליקארפּאווקא. איינע פון די בעסטע מינעראַלן אין די גראַפיט פּלאטן איז קווארץ. אין דער זאנע קען מען געפינען נעסטן פון ריינסטן גראַפיט. אַן אנאַליז וואס איז געמאַכט גע־וואָרן פון יאכאנטאָוו באווייזט אז דער אינהאלט פון גראפיט אין די דעפּאזיטן איז 30 פּראָצענט. עס ווערט געשאצט אז דער ראיאָן פון 20 קוואדראט קילאָמעטער וועט וואַרשיינלאך ארויסגעבן ביז 6,600,000 טאָן גראַפיט.

3) ג אָ ל ד — די קייט פון די קליינע כינגאַן בערג ווערט פאַררעכנט אַלס אַ בכבור׳ער מיטגליד אין דעם גאָלד־בערגיקן געגנט פון ווייטן מזרח. אַ גאַנצע ריי פון מינען פאַר גאָלד־וואַשן זיינען צעוואָרפן איבער די בעקענס פון דעם טייך סוטאַר (דער אָנהויב פון דער בירא), און די טייכן בידזשאַן, דיטשון, פּאמ־פייעווקע און אַנדערע. ביז היינט־צו־טאָג איז אין דער געגנט אויסגעגראָבן געוואָרן 6 טאָן גאָלד. קיינע גענויע ציפערן וועגן די גאָלד־לאַגערן אין בירא־בידזשאַן זיינען ניט פאַראַן. עטלאַכע מינען פאַר גאָלד־וואַשן זיינען אין די לעצטע דריי יאָר עקספּלואַ־טירט געוואָרן פון פאַרשידענע קערפּערשאַפטן; אכט אינ׳ם געגנט פון טייך סוטאַר; פינף אינ׳ם געגנט פון די טייכן,

וואָס פאַלן אַריין אין אַמור; און איינע אין דעם בעקן פון בידזשאַן.

דורכרייזנדיק די קליינע כינגאַן־בערג האָט די קאָמיסיע באַזוכט צוויי פון די גאָלד־וואַש פּלעצער אינ'ם געגנט פון סו־טאַר. איינער פון זיי, אין אשיקאַן, איז שטאַרק פאַרנומען מיט רעאָרגאַניזירן די אַרבעט און איינפירן אַ ווירקזאַמערן סיסטעם. דאָ קען מען לייכט זען די גאָלד־אָדערן, וועלכע שפּראָצן אַרויס פון די פאַרפלייצטע זאַמדן. דאָס איינשטעלן פון בעסערע מעטאָדן און מאַשינען וועט, אָן צווייפל, פיל פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע פון די גאָלד־רייכע זאַמדן.

4. **אַנדערע מינעראַלן.** — עס איז באַקאַנט אַז עס גע־פינען זיך אויך אַזעלכע מינעראַלן, ווי אַסבעסטאָס, אָכרע, מיקא (מאַריענגלאָז), אָבער דערווייל זיינען זיי נאָך ניט אויס־געפאָרשט געוואָרן.

5. **מינעראַל בוי־מאַטעריאַל.** — עס איז באַקאַנט, אַז אין בירא־בידזשאַן געפינען זיך אויך בוי־מאַטעריאַלן. אַזעלכע אונ־טערנעמונגען ווי דאָס בויען פון דער באַן־ליניע, פעסטונגען, האַפנס און מיליטערישע געביידעס, האָבן געפירט צו דער אַנט־דעקונג פון שטיין־דעפּאָזיטן. מ. אַליעקסייעווסקי, דירעקטאָר פון דער געאָלאָגישער אָפּטיילונג אין וולאַדיוואָסטאָק, האָט זיך לעצטנס פאַרנומען מיט דער סיסטעמאַטישער צוזאַמענשטעלונג פון אַלע פאַראַנענע דאַטן בנוגע אָט די מינעראַלן.

די סאָפּקעס (בערגלאַך), וואָס געפינען זיך גאַנץ נאָענט צו דער באַן־סטאַנציע טיכאָנקאַיאַ, באַזיצן צום גרעסטן טייל גראַניט און גנייס. די פיינע זאַמד־געוועבן גיבן זיי אַן אויסער־אָרדענטלאַכע האַרטקייט און שטאַרקייט. די עקספּלואַטירונג פון די שטיין־לאַגערן איז נאָך לייכטער צוליב דעם, וואָס זיי דערגרייכן די אויבערפלאַך, און דער פאַקט, וואָס זיי זיינען נאָענט סיי צו דער באַן, סיי צו דעם וואַסער־וועג (דער טייך בירא, וואָס פירט צום אַמור), גיט זיי צו אַן אינדוסטריעלע באַ־דייטונג. ווייטער צו מערב צו, אויף דער באַן־ליניע, פאַרמאָגן

די סאָפּקעס פּיל געדיכטן פּאָרפּיר, וואָס קאָן אַ סך אויסשטיין. אויף די דרום־דיקע רוקענס פון די טשורקי־בערג געפינט מען גרויען גראַניט און מאָנאָליטן פון טיפער געדיכטקייט. דאָס איז גוטער מאַטעריאַל פאַר דער פּראָדוקציע פון מילשטיינער און ענלאַכעס. נאָענט צום דאָרף באַבסטוואָ זיינען פאַראַן רייכע לאַגערן פון בלוי־גרויע קוואַרציטן, אַ מאַטעריאַל וואָס איז פּאַסיק פאַר׳ן בוי פון אויוונס פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ הויכער טעמפּעראַטור, ווי מען דאַרף זיי האָבן אין מעטאַלורגישע פאַבריקן, צוליב דעם ווייל דער קוואַרץ איז זייער געדיכט און צינדט זיך לייכט אָן.

די קליינע כינגאַן בערג גיבן אַרויס אַ סך פּאָרפּיר, באַזאַלט און אַנדערע שטיין־פאָרמאַציעס, וואָס באַשאַפן אַן אויסגעצייכנטן בוי־מאַטעריאַל הן פאַר געביידעס, הן פאַר וועגן. אייניקע פון די מינעראַלן געפינען זיך נאָענט פון דער באַן־ליניע און מען קען צו זיי לייכט צוקומען.

צווישן די שטיין־דעפּאָזיטן געפינען זיך פאַרשידענערליי זאַמדשטיינער און ליים, וואָס איז פּאַסיק פאַר דער אויסאַרבעטונג פון ציגל, דאַכלקעס, פּאָרצעליי א. אַ. וו. דעפּאָזיטן פון וויסן, אַזוי גוט ווי העל־בלויען מאַרמאָר און קרישטאָלענעם קאַלך־שטיין ליגן אויך ביי דער באַן־ליניע און ציען זיך ביי די טייכן קולדור, בירא און סאַמאַראַ. קאַלך־שטיין קען מען אויך געפינען אין אַ צאָל אַנדערע ערטער. חוץ זיין אַלגעמיינעם ווערט אין פאַרבינדונג מיט אַגריקולטור, איז קאַלך אויך אַ וויכטיקער בוי־מאַטעריאַל. צוליב דעם מאַנגל אין קאַלך ליידט דער בויאונגס־פּראָצעס אין כאַבאַראָווסק ביי איצטיקן מאָמענט פון אַ כראָנישן קריזיס.

רעכענענדיק זיך מיט די פאַקטן פון דעם אויבנגעזאָגטן און נעמענדיק אין אַכט, אַז בירא־בידזשאַן איז אין דעם פּרט אויסגעפאָרשט געוואָרן ניט מער ווי אויף אַ 15 פּראָצענט, איז באַרעכטיקט דער אויספיר, אַז בירא־בידזשאַן פאַרמאָגט מינעראַל רייכטימער פון באַדייטענדער אינדוסטריעלער און קאָמערציעלער וויכטיקייט.

## קוילן און טאָרף.

1. קוילן. — די קוילן פון בירא בידזשאַן זיינען פון דער יוראָ־עפּאָכע. ביז איצט זיינען באַקאַנט דריי ערטער, וואו עס געפינען זיך קוילן. פון זיי זיינען אַממערסטן באַקאַנט די קוילן־דעפּאָזיטן אין די טורוק־בערג. זיי געפינען זיך ביים לינקן ברעג פון דעם טייך בירא, צווישן זיינע צוויי צופלוסן, ניקיטא און סאגדא טייך. אויפ'ן צווייטן אָרט זיינען די דעפּאָזיטן אויף דעם רעכטן ברעג פון דער בירא, און אויפ'ן דריטן אָרט — די קוילן, וואָס געפינען זיך ביים טייך קאַמענושקא. וואָס איז שייך די לעצטע צוויי ערטער, איז נאָך דערווייל ניט פאַראַן קיין באַשטימטע אינפאָרמאַציע, חוץ דעם פאַקט אַז זיי עקזיסטירן. ז'ער מינען־אינזשעניר קאָנסטאַנטינאָוו איז מיט דער מיינונג, אַז די צוויי ערטער פאַרדינען אַ געניערע אויספאָרשונג, ווייל עס איז מעגליך, אַז די דאָזיקע קוילן־שיכטן זיינען אַ פּאָרט־זעצונג פון די טורוק דעפּאָזיטן. די טורוק שאַכטע גופא (באַקאַנט אַלס די קוילן־סאָפּקע) איז איינינקע מאָל אויסגעפאָרשט געוואָרן און איז ביז ניט לאַנג צוריק עקספּלואַטירט געוואָרן דורך פאַרשידענע געזעלשאַפטן. עס ווערט דערקלערט, אַז די קוילן האָבן אַ גאָר גרויסן ווערט, אָבער אין דער פראַגע וועגן דעם, ווי דיק עס זיינען די קוילן־שיכטן, זיינען דאָ פאַרשידענע מיינונגען. די הערשנדיקע מיינונג איז אָבער, אַז די דעפּאָזיטן זיינען ביים איצטיקן מאָמענט ניט פון קאָמערציעלער באַדייטונג.

2. ט אָ ר ף. — עס איז אויך באַקאַנט, אַז אין אייניקע פון די טייך־טאָלן ביי די מזרח־רוקענס פון די קליינע כינגאַן בערג געפינען זיך טאָרף־פאָרמאַציעס. פונקט אַזוי געפינען זיך באַדייטענדע טאָרף־זומפּן אין די טאָלן ביי די טייכן בירא און ספּעציעל בידזשאַן. פונדעסטוועגן זיינען די טאָרף־שטרע־קעס פון ווייטן מזרח, און אַזוי אַרום פון בירא־בידזשאַן, אין אַלגעמיין ווייניק אויסגעפאָרשט געוואָרן, און בכלל ניט אויסגע־פאָרשט וואָס איז שייך זייער ברען־ווערט. אין 1895, ביים גראָבן אַ רייע פלעצער אַרום דעם אַמור־טאָל צווישן כאַבאַראָווסק און דעם טייך בירא, האָט אַנהערט זיך אָנגעשלאָגן אויף אַ צאָל

טאָרף־ערדן, פון וועלכע די, וואָס האָבן זיך געפונען אין נידער־לאַנד ביי טייך איקורא (לינקער צופלוס פון דער בירא), זיינען געווען פון 1.75 ביז 2 קילאָמעטער דיק. אָט דאָס איז אַלץ, וואָס איז ביז איצט באַוואוסט וועגן אָט דעם געגנשטאַנד.

3. ווייך־קוילן־סלאַנצן. — דער דאָזיגער ברען־שטאָף איז ביז היינט נאָך געבליבן אינגאַנצן ניט אויסגעפאָרשט אין ווייטן מזרח. אורטיילנדיק אָבער פון די ברעקלאָך באַריכטן, וואָס מ׳טרעפט אָן בנוגע די אונטערזוכונגען פון קוילן אין בירא־בידזשאַן, קומט אויס, אַז ביים דאָרף ראַדדע, אויפ׳ן לינקן ברעג פון אַמור, געפינען זיך דעפּאָזיטן פון ווייך־קוילן־סלאַנצן, וואָס ווערן דורך אַ טעות אָנגעגעבן אַלס שטיין־קוילן.

## די וואַסער רייכטימער.

אַ ספּעציעלן שטודיום האָט די קאָמיסיע געמאַכט פון די וואַסער רייכטימער פון בירא בידזשאַן פון דעם שטאַנד־פּונקט ווי אַזוי זיי אויסצונוצן פאַר איריגאַציע, קראַפט און הויז געברויך.

**איריגאַציע.** — דערגרייכנדיק די טאָלן, זיינען די טייכן וואָס שניידן דורך בירא־בידזשאַן, באַזונדערס די טייכן בירא און ביד־זשאַן און זייערע נעבן־פלוסן, שלענגלענדיקע טייכן מיט נידעריקע ברעגן. אויך דער גרויסער טייך אַמור, וואָס פליסט דורך דער לענג פון די גרענעצן פון בירא־בידזשאַן, האָט נידעריגע ברעגן באַ־זונדערס אינ׳ם טייל פון יעקאַטערינאַ־ניקאָלסק ביז כאַבאַראָווסק. די קאָמיסיע איז מיט דער מיינונג אַז וואַסער פאַר איריגאַציע, באַזונדערס אין פאַרבינדונג מיט דער רייז פּראָדוקציע, קאָן מען באַקומען גענוג און פאַרהעלטניסמעסיק לייכט. פאַר גרויסע שטרעקעס קאָן מען באַקומען דאָס וואַסער פאַר איריגאַציע דורך דעם וואָס מ׳וועט אָפּווענדן די שטראָמען דורך קאַנאַלן, ניט באַ־נוצנדיק אפילו דערפאַר קיין פּאָמפּן. אין אַנדערע געגענטן קאָן מען באַקומען גענוג וואַסער דורך פּאָמפּן, באַנוצנדיק זיך מיט נידעריקע הויב־אַפּאַראַטן.

**וואַסער קראַפט.** — די טייכן פון בירא־בידזשאַן האָבן זייער אָפּשטאַמונג אין די בערג היבשלאָך ווייט פון די באַ־

זעצטע געגענטן, און זיי פליסן ארונטער אין די טאָלן. די אויס־נוצונג פון די טייכן אין די בערג וואו זיי באַשאַפן רייכע וואַסער־פאַלן איז פאַרבונדן מיט אַ סך שוועריקייטן. די קאָנסטרוקציע פון דאַמבעס און קאַנאַלן וואָלט געווען צו טייער צוליב דעם פעלן פון גינסטיקע נאַטירלאַכע באַדינגונגען, צוליב דער פאַרשידנקייט אינ׳ם פליסן פון די טייכן אין משך פון יאָר און צוליב די קאָסטן פון איינאָרדנען ליניעס אויף איבערפירן די קראַפט. מען קאָן פונדעסטוועגן דערוואַרטן אַז ביי אַ גרעסערער באַפעלקערונג און ביי אַ מער אַנטוויקלטער אינדוסטריע וועלן די שנעלער־פליסנדיקע טייכן פון ביראַ־בידזשאַן סוף כל סוף אויסגענוצט ווערן פאַר וואַסער־קראַפט.

**וואַסער פאַר טאָג־טעגלאַכן געברויך.** — אין די טאָלגעגענטן פון ביראַ בידזשאַן, וואו עס ווערט געפּלאַנט די באַלדיקע קאָלאָניזאַציע, מוז מען זיך פאַרלאָזן אויף ברונימער אַלס קוואַל פון וואַסער פאַר טאָג־טעגלאַכן געברויך, סיי צוליב דעם כאַראַקטער פון די שטראָמען, סיי צוליב דעם מאַנגל פון קוואַלן. די קאָמיסיע האָט געמאַכט אַ גענויעם שטודיום פון די ברונימער אין די באַזוכטע דערפער. אין אַלגעמיין דאַרף מען ניט גראָבן טיף כדי צו באַקומען וואַסער, — פון זעקס ביז דרייסיק פוס, — און דאָס וואַסער איז פון גוטער קוואַליטעט פאַר טרינקען און פאַר קאָכן. אין די קאָלאָניזאַציע צענטערן אָבער פון ביראַ פעלד און אַלעקסאַנדראָווקאַ, זיינען די ברונימער געווען טיף — 120 פוס און מער — און האָבן אַרויסגעגעבן וואַסער אין אַ באַגרעניצטער מאָס. עס שטעלט זיך אַרויס אַז די דאָזיקע צענטערן ליגן אין געגענטן פון אַ געאָלאָגישער פאָרמאַציע, וואָס שטאַמט אָפּ פון אַלטע פאַרשוואונדענע בערגלאַך און בערג, אין וועלכע די זאַמד־און גראַוו־שיכטן וואָס אַנטהאַלטן אין זיך וואַסער, ליגן אַ סך טיפער ווי געוויינלאַך. די ברונימער פון ביראַ־בידזשאַן זיינען איצט דער געגנשטאַנד פון אַ באַזונדערער אונטערזוכונג מצד ספּעציאַליסטן, וואָס זיינען פאַר דעם צוועק אָנגעשטעלט געוואָרן.

מאַנכע פון די ברונימער אין געוויסע געגענטן אין צפון האָבן אַנטהאַלטן אייז אויף זייערע ווענט, ווען זיי זיינען אונ־

טערזוכט געוואָרן אין אָנהויב פון אויגוסט. דאָס אייז פּאָרמירט זיך אין ווינטער דורך דעם פרירן פון דעם וואַסער, וואס זאַפּט זיך דורך די ווענט, א פּאָר פוס אונטער דער אויבערפלאַך פון דעם באָדן און הויבט אָן צו פרירן ווען עס קומט אין קאָנטאַקט מיט דער קאַלטער לופט פון דעם אָפענעם ברונים. איין ברונים וואס איז דאָרט געווען באַשיצט מיט אַ גוטגעבויעטן הילצערנעם געשטעל, האָט ניט געהאַט קיין אייז אויף די ווענט. די ברונימער וועלכע ווערן באַנוצט פאר טאָג־טעגלאכן געברויך זיינען אַלע, אָן אויסנאַם, אויסגעשטאַטעט מיט צעבערם און מיט שטריק פאַר ארויפציען דאָס וואַסער. אַזאַ אויסשטאַטונג, ווייזט אויס, באַפרידיגט אינגאַנצן די אוממיטלבאַרע פּאָדערונגען. אויב מען זאָל נוצן פּאָמפּעס אין דער צייט פון ווינטער, וועלן זיי מוזן פּאָרזיכטיק באַשיצט ווערן געגן פראָסט. דאָס אויסבויען פון אַ פאַרטיילונגס־סיסטעם דורך רערן פון איין געמיינזאמען קוואל וועט, פאַרשטייט זיך, זיין זייער טייער צוליב דעם, ווייל די רערן וועלן מוזן געלייגט ווערן פאַרהעלטניסמעסיק טיף אין באָדן, כדי זיי צו באַשיצן געגן פראָסט. לויט דער אינפאָרמאַציע וואָס די קאָמיסיע האָט געקענט באַקומען, ווייזט אויס, אַז עס וועט זיין נויטיק אַ טיפקייט פון אַכט פוס. מיט דער אנטוויקלונג פון די דערפער וועט מוזן איינגעאָרדענט ווערן אַ וואַסערלייטונג־סיסטעם אין די געדיכט באַוואוינטע דערפער. די קאָמיסיע האַלט עס אָבער ניט פאַר קיין אוממיטלבאַרן פּראָבלעם און איז מיט דער מיינונג, אַז דער איצטיקער אופן פון באַנוצן זיך מיט דעם וואַסער פון ברונימער פאַרן טאָג־טעגלאכן געברויך איז אין אַלגעמיין גענוגנד און צופרידנשטעלענד. צוליב סאַניטאַרע צוועקן וואָלט געווען ווינטשנסווערט, אַז די ברונימער זאָלן באַשיצט ווערן פון פאַראומריינייגונג פון דער אויבערפלאַך בעסער ווי דאָס ווערט געטאָן איצט.

די טעמפּעראַטור פון וואַסער אין אַלע אויסגעפּאָרשטע ברונימער איז געווען אבסאָלוט נידעריק, אנהויבנדיק מיט פערציג גראַד ביז 48 גראַד פאַרנהייט.

אין צוזאַמענהאנג דערמיט וועט ניט איבעריק זיין עטלאכע ווערטער וועגן דער פראגע פון „אייביקער פאַפרוירנקייט”. די

פראגע ווערט באנוצט צו באשרייבן צוויי דערשיינונגען: די ערשטע איז דאָס אינוויינִיקסטע פרירן פון דער ערד, וואָס באַמערקט זיך אין די טיפענישן צווישן 10 און 100 מעטער נידעריקער פון דער אויבערפלאך.

מ. סומגין האָט לעצטנס שטודירט די דאָזיקע דערשיינונג וואָס איז כאראקטעריסטיש אין א גרויסער מאָס פאר דעם צפונ־דיקן טייל פון ערד קוגל, ספעציעל אין סיביר. דאָך, אזוי ווי, — לויט סומגינען, — דאָס באַרירט נאָר אויבערפלעכלאך, אין איינעם אָדער צוויי פונקטן, די מערב'דיקע גרעניץ פון בירא־בידזשאן, איז נישטאָ וואָס אויף דעם אָפּצושטעלן זיך.

די צווייטע דערשיינונג איז די אייביקע פארפראָרנקייט פון דעם אויבערפלאך פון דער ערד אויף א נאָרמאלער טיפעניש פון איינעם אָדער צוויי מעטער. די קאָמיסיע האָט זיך אויף איר לאנגער רייזע קיינמאָל ניט אָנגעטראָפן אויף פלעצער וואָס זאָלן זיין אזוי געפרוירן. דאָך זיינען פארהאַן פארצייכנט אזעלכע באמערקונגען ביי אנדערע פאָרשער. צו דערקלערן דאָס איז זייער פשוט: ווען מען דערלויבט וועלכע ס'איז זאך געפרוירן צו ווערן און מען נעמט אייך צו יעדע מעגלאכקייט פאר וועלכע ס'איז ווארעמקייט צו דעם זיך דורכצורייסן, וועט די זאך בלייבן געפרוירן אויף „אייביק". די אויפהאַלטונג פון אייז, דאָס הייסט אויפהאלטן דעם צושטאנד פון געפרוירנקייט, איז באזירט אויף דעם פרינציפ פון איזאָלירונג. ערד שטחים, וואו דאָס וואסער איז ניט אָפּגעצויגן, און וואס געפינען זיך אויף צפונ'דיקן זייט פון בערג, ווערן אין א צייט אָרום באדעקט מיט ספאנגום (א דיקער מאָך) וואָס איז אן אויסגעצייכנטער איזאָלירער, דאָס הייסט, עס לאָזט ניט דורך קיין שום היץ. אזעלכע פלעצער וואָס די ווירקונג פון די זון־שטראלן האָט אויף זיי קיין שליטה ניט, בלייבן „אייביק" געפרוירן — ביז דער אקער־אייזן און קולטיוואטאָר, געפירט פון מענטשן, רייסן אָפּ די טויטע איזאָלירונג און עפענען אויף אָט די פלעצער צו דער ווירקונג פון דער זון. די ערד ווערט דערוואַרעמט, זאפט אין זיך אריין דעם זאָמען פון לעבן און באווייזט אז דאָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דעם באגריף „אייביקע פארפראָרנקייט".

## קוראַרט.

אין פאַרבינדונג מיט די וואַסער רייכטימער איז אויך כדאי צו דערמאָנען דעם קוראָרט קולדור.

דער נאָמען פון דעם קוראָרט שטאַמט פון דעם טייך קול-דור אויף וועלכען ער ליגט. ער געפינט זיך אין אַן איינגעשלאָ-סענעם טאָל, 35 קילאָמעטער צפון פון דער באַן סטאַנציע ביראַ-קאַן. אין די אַמאָליגע צייטן זיינען די הייסע קוואַלן וועלכע פליסן פון אן אינזל אין דער גרויס פון איין קוואדראַט קילאָ-מעטער, וואָס איז געשאַפן דורך אַן אָפּצווייגונג פון דעם טייך, געווען זייער פּאָפּולער צווישן די איינגעבוירענע טונגוזישע שבטים. זיי פלעגן אייפערזיכטיק אָפּהיטן דעם סוד פון דעם פלאַץ. ערשט אין יאָר 1912 איז דער פלאַץ אַנטדעקט גע-וואָרן דורך ווייסע מענטשן און איז גיך געוואָרן באַרימט, כאָטש ער איז נאָך אַלץ איינגעוויקלט אין לעגענדאַרע נעבלען. מ'פלעגט קוקן אויף די קוואַלן ווי אויף אַן אַל-היילמיטל און מ'פלעגט זיי נוצן אויף אַ פּרימיטיוון אופן. שפּעטער זיינען געקומען אַ פּאָר אונטערנעמונגס-לוסטיקע מענטשן אין דער באַרגיקער וויל-דערניש אַריין, האָבן אויסגעגראָבן פיר ברונעמער, וועלכע זיי האָבן אַרומגעצוימט מיט הילצערנע געשטעלן און האָבן גענו-מען איינטריטס-געלט פאַר דעם רעכט צו באָדן זיך אין די אויסגראָבונגען.

די אמת'ע אַנטוויקלונג פון דעם קוראָרט אויף אַ מאָ-דערנעם באַזיס איז אָנגעהויבן געוואָרן אין 1926. דער פלוס פון די קוואַלן איז קאָנצענטרירט געוואָרן אין אַ פּאָר בעקנס. באָד-הייזער זיינען אויסגעבויט געוואָרן און אַ גרויסער בוי-פּראָגראַם דורכגעפירט כדי צו באַזאָרגן וואוינונגען פאַר דער אַלץ וואַקסנדער צאָל פּאַציענטן, וועלכע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין דעם קוראָרט פון אַלע טיילן פונ'ם ווייטן מזרח. צווישן די געביידעס זיינען פאַראַן דריי האָטעלן, מיט באַזונדערע צימערן און שלאָף-צימערן, אַ קורזאַל, אָדער עס-צימער וואָס נעמט אַריין 240 מענטשן, אַ שפּיטאָל מיט פּופציק בעטן פאַר ערנסטע קראַנקהייטן ,אַ פּאָליקליניק, באָד-הייזער און איינריכטונגען פאַר

דאמף־בעדער. אחוץ דעם זיינען פאַראַן מערערע געביידעס פאַר דער פאַרוואַלטונג, לאַגער־הייזער, א דאמף־וועשעריי, א בעקעריי, און אז. וו. אן עלעקטרישע קראַפט־סטאַנציע פון 22 קילאָוואַט, באַשאַפן דורך דאמף, באַזאָרגט דעם קוראָרט מיט קראַפט און ליכט. די אַפּטייק און די לאַבאָראַטאָריע געפינען זיך אין אַלטע הייזקעס אויף וועמענס פּלאַץ עס וועלן אין גיכן אויפגעבויט ווערן נייע געביידעס.

די טעמפּעראַטור פון דעם וואַסער און די קוואַלן איז צווישן 50 און 70 גראַד צעלסיוס. לויט ווי די דאָרטיקע דאָקטוירים דערציילן, האָבן זיך די וואַסערן אַרויסגעוויזן באַזונדערס באַהילפיק אין פאַלן פון הויט־קראַנקהייטן און צום טייל אויך פון רומאַטישע קראַנקהייטן. די איצטיקע אויפנאַמס־פעיאיקייט פון דעם קוראָרט איז אַרום 400 בעדער א טאָג. אפילו מיט די איצטיקע ברונעמער קאָן די אויפנאַמס־פעיאיקייט פאַרגרעסערט ווערן ביז 1,000 בעדער א טאָג און מיט דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די קוואַלן קאָן זי דערגרייכן דריי טויזנט בעדער א טאָג.

מ'קאָן דערוואַרטן אַז דער קוראָרט זאָל מיט דער צייט ווערן אַן אַלץ גרעסערער מאַרק פאַר די פּראָדוקטן און פאַר דער אַרבעט פון א קאָלאָניע, וואָס וועט אָרגאַניזירט ווערן אין שכנות. די הויפּט באַשעפטיקונג אין אַזא קאָלאָניע וואָלט געווען גערטנעריי און מילך ווירטשאַפט, וואָס פאַר דעם זיינען פאַראַן גינסטיקע באַדינגונגען אין א שטח פון 7 קילאָמעטער פון דעם קוראָרט.

דער וועג פון ביראָקאַן צום קוראָרט איז אין א זייער פאַרנאַכלעסיקטן צושטאַנד כאָטש עס געפינט זיך גענוג גוטער מאַטעריאַל ביי דער האַנט. צוליב דעם דויערט עס פון זיבן ביז אַכט שעה פאַרנדיק אין אַן אַלטער פּרימיטיווער „טיעלעגע", בשעת אַן אויטאָבוס וואָלט געקאָנט מאַכן דעם וועג אין א שעה און א האַלב.

אין דער צייט פון דעם באַזוך פון דער קאָמיסיע האָט מען דאָרט געבויט א טעלעגראַף־ליניע.

## לאנדווירטשאַפט.

ביראָ־בידזשאַן קומט אין אַכט פאַר קאָלאָניזאַציע כמעט אויסשליסלאך צוליב זיינע אגריקולטורעלע מעגלאַכקייטן. געוויס וועלן אויך אַנדערע אינדוסטריעס איינגעפירט ווערן מיט דער צייט. עס וועלן דאָ זיין פאַבריקן, שאַכטן און פישערייען, אָבער די אגריקולטורעלע מעגלאַכקייטן זיינען דער הויפּט־באַזיס צוליב וועלכן די געגנט ווערט גענומען אין אכט אַלס אַ פּלאַץ אויף צו בויען היימען פאַר איבערוואַנדערער פון אנדערע געגנטן.

לאַנדווירטשאַפט איז צום גרעסטן טייל אַן אינדוסטריע וואָס פּראָדוצירט תבואה און פארקויפט זי דירעקט אָדער דורך פּיצוכט. עס איז דערפאַר קלאָר, אַז ווען מען שטודירט דעם געגנט אונטערן געזיכטס־פּונקט פון לאַנדווירטשאַפט, איז נויטיק צו וויסן וואָס פאַר תבואה עס קאָנען קולטיווירט ווערן און וואָס פאַר פּראָפיטן מען קאָן דערווארטן פון זייער פּראָדוקציע. די דאָזיקע פּראָפיטן וועלן זיין אָפּהענגיק ניט נאָר פון דער פארשידנקייט פון די תבואות און פון דעם גוטן שניט, נאָר אויך פון די מארק באַדינ־גונגען. עס איז נישט גענוג צו פלאַנצן קארטאָפל און אוגערקעס, מען מוז פאַר זיי אויך געפינען פּראָפיטאַבעלע מערק.

ביראָ־בידזשאַן ליגט אין דעם צפון טייל פון די גרויסע אגריקולטורעלע געגנטן פון דער וועלט. ווי עס איז שוין אָנגעוויזן געווארן זיינען די ווינטערס דאָרט שטרענגע, אבער דער זומער קלימאַט איז גינסטיק פאַר אַ שפּע'דיקן וואוקס פון פאַרשיידענע פלאַנצן. די טעג זיינען לאַנג און ווארים און די זומער רעגנס פארזיכערן גענוג פייכטקייט פאַר אַן אויסגעצייכנטן וואוקס פון די פלאַנצן אויב נאָר די געגנט ארום דעם באָדן ווערט געהאַלטן אין אַ גוטן צושטאַנד.

די פי־אינדוסטריע איז דערווייל נאָך ניט אנטוויקלט געוואָרן אין ביראָ־בידזשאַן, אָבער די פּאַסיקייט פונ'ם לאַנד פאַר דער פּראָדוקציע פון נארונגס־מיטל פאַר די בהמות, איז די בעסטע גאַראַנטיע, אַז די פי־אינדוסטריע און באַזונדערס די מילך־ווירט־שאַפט וועלן פארנעמען אַ וויכטיגן פּלאַץ אין דער אגריקולטור פון דעם געגנט. וועגן דעם רעדט זיך אויספירלאַכער אין אַ וויטערדיקן קאַפּיטל.

## דער באָדן.

דער באַזיס פון יעדער אגריקולטור איז דער באָדן. אויב ער איז פרוכטבאר קאָן דער פויער זיך אָנגיין מיט זיין ארבעט, אָן די שוועריקייטן וועלכע ער מוז אויסשטיין, ווען דאָס באארבעטע לאנד איז אָרים.

דער באָדן פון בירא־בידזשאן איז אין משך פון יאָרן פיל מאָל אויסגעפאָרשט געוואָרן. פראָפ. פראָזאראָוו האָט געמאכט א פרעלימינערן שטודיום און האָט געגרינדעט אן עקספערימענטאלע סטאנציע אין ביראָפעלד אין 1912. פראָפ. ברוק און די פון אים אָנגעפירטע עקספעדיציע האָט געמאכט אונטערזוכונגען און איבערגעגעבן מוסטערן פון דעם באָדן צו פראָפ. וויליאמס פון דער טימיריאזעווער לאנדווירטשאפטלאכער אקאדעמיע אין מאסק־ווע, וועלכער האָט געמאכט אנאליזן און באריכטעט, אז דער באָדן איז פרוכטבאר.

די פעלזן, פון וועלכע דער באָדן שטאמט אָפּ, זיינען פון דעם מין, וואָס פראָדוצירט א באָדן רייך אין פלאנץ־נאָרונג. די רייכע וועגעטאציע, וואָס איז געוואקסן איבערן גאנצן ראיאָן אין משך פון לאנגע יאָרן, האָט איבערגעלאָזט אינ׳ם באָדן גרויסע רעזערוון פון אָרגאנישן שטאָף. דאָס איז א רעזערוו־אַקטיוו פון זייער גרויסער וויכטיקייט. פונדעסטוועגן האָט דער דאָזיקער פראָצעס, וואָס איז אן־און־פאר־זיך גוט, אין מאנכע געגנטן, אביסל איבער־געכאפּט די מאָס.

אין די שוואך־דרענירטע טיילן, אָדער מ א ר י, איז דער באָדן באדעקט מיט בערגלאך, וואס זיינען אין ווירקלאכקייט הויפנס פון ארגאנישן שטאָף. אזוי ווי זיי ליגן העכער פונ׳ם וואסער־פלאך וואקסן דאָרט שאָרסטקע גראָזן און ריד־גראָזן. איין טעאָריע דערקלערט די בערגלאך דערמיט, אזוי זיי שטאמען פון דער אייז־טעטיקייט, ווען דאָס וואסער וואָס געפינט זיך אין די נידעריקערע פלעצער צווישן איין בערגל און דעם צווייטן, ווערט אין ווינטער פארפרוירן און ביים אויפברעכן הייבט עס אויף די בערגלאך.

דאָס וואָס די וועגעטאציע וואקסט אויף די בערגלאך בעסער ווי אויף די פלעצער צווישן זיי, פארשנעלערט נאָך זייער וואוקס.

צוליב די בערגלאַך פאָרמירן זיך אויף די מאָרים גראָז־קנוילן און עס איז שווערער צוצוגרייטן דעם באָדן פאַר קולטיווירונג. אָבער אזוי שנעל ווי די שוועריקייט וועט באַזייטיקט ווערן, וועט דער אָרגאַנישער שטאָף, וואָס האָט זיך דאָרט אָנגעזאַמלט, זיין אַ נוצלאַכער רעזערוו פאַר דער צוקונפט.

אין מאַנכע געגנטן איז ראַטזאַם צו פאַרברענגען דעם איבערפלוס פונ׳ם אָרגאַנישן שטאָף, כדי צו פאַרשנעלערן דעם פראָצעס פון וואַרימקייט אין פרילינג, ווען עס איז וויכטיק, אַז דער פאַרפרוירענער באָדן זאָל אָפטייען אַזוי שנעל ווי מעגלאַך. דאָס באַציט זיך באַזונדערס אויף די זומפּיקע געגנטן, וואו דער באָדן איז כמעט אַ טאָרף־מאַסע. אין צייט פונ׳ם רעגן־סעזאָן ווערט די אויבערפלאַך פונ׳ם באָדן זייער נאַס, ניט ווייל דער וואַסערשפּיגל איז נאָענט צו דער אויבערפלאַך, נאָר ווייל דאָס וואַסער זאַפט זיך לאַנגזאַם דורך דעם קאָמפּאַקטן אונטערבאָדן. די גרויסע באָדן־פּראָבלעם פון ביראַ־בידזשאַן איז ניט אַ כעמישע, ווי דאָס טרעפט אזוי אָפט אין אַנדערע לענדער. ער איז גיכער אַ פיזישע פּראָבלעם פון קאָנטראָלירן די ערד־פייכטקייט אַזוי, אַז ביי די שטאַרקע רעגנס אין זומער זאָל זיך ניט אָנזאַמלען קיין פריי וואַסער, וואָס איז שעדלאַך פאַר די מערסטע קולטווירטע תּבֿואות. די דאָזיגע וויכטיקע פראַגע ווערט אויספירלאַך באַהאַנדלט אין קאַפּיטל וועגן דרענאַזש.

דאָס איינברעכן פון דעם באָדן און דאַן דאָס אויפאַקערן באַשאַפט אַ וואַרימקייט. אַלס רעזולטאַט דערפון ווערט דער וואוקס־סעזאָן לענגער איידער ער איז געוועזן פריער, ווען דער באָדן איז געווען אין יונגפרוילאַכן צושטאַנד.

דאָס אויפאַקערן אין דער געגנט איז זייער וויכטיק צוליב דעם, ווייל עס זיינען פאַראַן זייער פיל נאַטירלאַכע פלאַנצן, וואָס פאַרנעמען יעדן פרייען צאָל פון דעם באָדן. די דאָזיקע ווילדע פלאַנצן שטעלן מיט זיך פאָר אַן ערנסטע פּראָבלעם. ביים פלאַנירן די מעטאָדן פון דער לאַנדווירטשאַפט מוז מען דערפאַר שענקען היבש אויפמערקזאַמקייט צו דער פּראָבלעם פון אויפאַקערן און רעגלמעסיק איבערבייטן די קולטורן, כדי אָפצוהאַלטן דאָס פאַנאַנדערוואַקסן זיך פון די ווילדע פלאַנצן.

אין קורצן קאָן מען זאָגן, אַז דער באָדן פון בירא־בידזשאַן איז אין אַלגעמיין אַ פּרוכטבאַרער, אָבער עס זיינען פאַראַן איי־ניקע שווערע פּראָבלעמען צו פאַרענטפערן, איידער דאָס לאַנד אין איצטיקן צושטאַנד וועט קענען פאַרוואַנדלט ווערן אין פּרוכטבאַרע פעלדער. די הויפּט־פּראָבלעמען זיינען דרענאַזש, קאָרטשעווען און אויפאַקערן, און דערביי דאַרף מען אויך ניט פאַרגעסן די באַזייטיקונג פון די צאָלרייכע באָדן־אומרעגלמעסי־קייטן און דאָס קאָנטראָלירן די נאַטירלאַכע פלאַנצן.

## דרענאַזש

עס איז ניט פאַראַן קיין וויכטיקערער פאַקטאָר אין אַן ערפאָלגרייכער תבואה־פּראָדוקציע ווי די געהעריקע קוואַנטיטעט וואַסער אינ׳ם באָדן. אַן איבערפלוס פון וואַסער איז באַזונ־דערס שעדלאַך און פאַרלאַנגט די גרעסטע אָנשטרענגונגען, כּדי עס צו באַזייטיקן דורך דרענאַזש. אפילו אַן אויבנאויפיקע אי־בערזיכט פון בירא־בידזשאַן ווייזט, אַז דער דרענאַזש פונ׳ם לאַנד איז אַ פּראָבלעם פון ערשט־קלאַסיקער באַדייטונג. פּעריאָדישע פאַרפלייצונגען קומען פאָר אין טיילן פונ׳ם לאַנד, וואָס באַ־שטייען מערסטנס פון נידעריקע פלאַכע טאָלן, דורכגעשניטן מיט שלענגלענדיקע טייכן, וועמענס איינציקע גרעניץ עס בילדן ני־דעריקע ברעגן פון אָפּגעזעצטער ערד. די נאַטירלאַכע דרענאַזש־וועגן זיינען אין די טאָלן ניט אַזוי גוט אַנטוויקלט ווי אין געגנטן פון אַן עלטערער געאָלאָגישער פאָרמאַציע. די ערד, וואָס באַ־שטייט פון אַ שוואַרצן אויבערשיכט, איז זייער רייך אין פייכט־קייט, וואָס ליגט איבער אַ קאָמפּאַקטן, ניט־דורכדרינגלאַכן ליי־מיקן אונטערבאָדן, פאָדערט, אַלס ערשטן באַדינג פאַר קולטי־ווירן, די איינפירונג פון דרענאַזש איבער גרויסע שטרעקעס. אין מאַנכע פעלצער ווערט דאָס נידעריקע פלאַכלאַנד פון די טאָלן שטאַרק דורכגענעצט פון דעם וואַסער, וואָס פליסט אָפּ פון די דערבייאיקע בערג אָדער בערגלאַך. דערביי איז דאָס אָפט דאָס ווערטפולסטע אַגריקולטור־לאַנד.

כּדי פול צו פאַרשטיין די באַדייטונג פון אַ פלאַנמעסיקן באָדן־דרענאַזש פאַר דער אַנטוויקלונג פון בירא־בידזשאַן, וועט

ניט שאַדן דאָ געגוי און סיסטעמאַטיש אויסצורעכענען די מעלות און די ווירקונגען פון דרענאַזש אויפ'ן באָדן און זייער שייכות צו דער פּראָדוקציע פון תבואה. די מעלות און פאַרבעסערונ־גען, וואָס ווערן דערגרייכט ביי דעם קאָנטראָל פונ'ם באָדן־וואַסער דורך דרענאַזש, זיינען פאָלגנדע:

1) אפשר די וויכטיקסטע מעלה איז דאָס, וואָס די נאַ־רונגס־זאָנע פון די פלאַנצן פאַרטיפט זיך און גיט אַזוי אַרום אַרויס מער תבואה. די וואָרצל־סיסטעם פון די אַמערסטנס קולטיווירטע תבואות דרינגט ניט דורך טיף אונטער דער אוי־בערפלאַך פונ'ם באָדן אָדער פון דעם הידראָסטאַטישן וואַסער, וואָס פילט אוים די פלעצער צווישן די באָדן־שטיקער, און וואָס זעצט פאַר זיין פלוס לויט'ן געזעץ פון גראַוויטאַציע. דורך ווירקזאַמען דרענאַזש, אָדער ווען מען מאַכט נידעריקער די אוי־בערפלאַך פונ'ם באָדן־וואַסער, באַשאַפט זיך באַלד אַ פיל גרע־סערער רעזערוו פון פלאַנצן־נאַרונגען, פון וועלכע די פלאַנצן קאָ־נען ציען זייער יניקה.

2) דאָס נידעריקער מאַכן די אויבערפלאַך פון הידראָ־סטאַטישן וואַסער לאָזט דורך מער לופט אין דער ערד. דאָס איז וויכטיק פאַר דעם בעסערן וואוקס פון די וואָרצלען און ס'פאַרשנעלערט די באַקטעריען־טעטיקייט, אין וועלכער עס נוי־טיקט זיך די פלאַנצן־נאַרונג.

3) אַ וויכטיקע מעלה פון דרענאַזש איז דאָס, וואָס עס פאַרשטאַרקט זיך די ווירקונג פון דער זון ביים אויפוואַרימען דעם באָדן, וואָס האָט זיך באַפרייט פון דעם וואַסער־איבערפלוס. אויף דעם אופן ווערט דער וואוקס־סעזאָן פאַקטיש פאַרלענגערט. ביי אַנטשפּרעכנדן דרענאַזש קאָן מען די תבואה זייען פריער און אַזוי פאַרלענגערן דעם פּעריאָד פון וואַקסן.

4) דער באָדן־דרענאַזש פאַרגרעסערט די פאַרשידנקייט פון תבואות, וואָס מען קאָן פלאַנצן מיט פּראָפיט. אַ סך תבואות, וואָס פאָדערן אַ טיפע וואָרצל־סיסטעם, קאָנען ניט עקאָנאָמיש קולטיווירט ווערן דאָרט, וואו דאָס הידראָסטאַטישע וואַסער גע־פינט זיך נאָענט צו דער אויבערפלאַך.

5) דער עפעקט פון דער מעכאַנישער אויסשטאַטונג, ווי פון די פעלד־אַרבעטן בכלל, ווערט שטאַרק פאַרגרעסערט דורך דרענאַזש. די ריזיקע פאַרזונקען צו ווערן אין ווייכע פלעצער איז קלענער און עס נעמט אויך וויניקער צייט אַרומצוגיין די ניט־דרענירטע שטרעקעס אויף די פעלדער. צום ביישפּיל, טראַק־טאָרס און שווערע מאַשינען, וועלכע מען קאָן ניט באַנוצן אין ניט־דרענירטע פעלדער, זיינען זייער דערפאָרגרייך אויף די זעל־בע פעלדער נאָכ'ן דרענאַזש.

6) די באַזייטיקונג פון הידראָסטאַטישן וואַסער פון דער באָדן־אויבערפלאַך האָט אַן אוממיטלבאַרע ווירקונג אויפ'ן באָדן אַזוי שנעל ווי עס ווערט איופגעאַקערט. אַנשטאָט עס זאָל זיך שאַפן אַ צונויפגעקנוילטער באָדן אַלס רעזולטאַט פון דעם פרייען וואַסער, ווערט דער באָדן קערנערדיק, וואָס דאָס איז זייער גינ־סטיק פאַר דער דערנערונג פון די פלאַנצן.

7) אָפט ווערן איבערפליסיקע און שעדלאַכע זאַלצן באַ־זייטיקט דורך דרענאַזש, אַזוי אַז דער באָדן ווערט זיסער און זיין צושטאַנד גינסטיקער פאַר דעם פלאַנצן־וואוקס און באַק־טעריען־טעטיקייט.

8) ווען דער דרענאַזש איז אַ ניט־גענוגנדיקער, איז שווער צו קולטיווירן דערפאָלגרייך אַלע טייל פון די פעלדער, און דאָס פירט צו ערנסטע פאַרלוסטן אין דער פּראָדוקציע, ווייל שטי־קער לאַנד בלייבן ליידיק. פּאַסיקער דרענאַזש מאַכט אַלע פעל־דער איינהייטלאַך און פּראָדוקטיוו.

9) דאָס אַרונטערדריקן די אויבערפלאַך פון הידראָסטאַ־טישן וואַסער אינ'ם באָדן שאַפט אַ צייטווייליקן רעזערוואואַר, וועלכער שטעלט צו צום באָדן אַ גרעסערע קוואַנטיטעט וואַסער נאָך רעגנס און, פאַרהאַלטנדיק דאָס וואַסער אַזוי אַז עס זאָל צו שנעל ניט אָפּלויפן, פאַרקלענערט עס די מעגלאַכקייט, אַז דער באָדן זאָל שנעל אָפּגעשווענקט ווערן.

10) דער באָדן־דרענאַזש און באַזונדערס די באַזייטיקונג פון וואַסער פון קאַלוזשעס פאַרבעסערט דעם סאַניטאַרן צושטאַנד פון דעם געגנט און רעדוצירט די פליגן־אַנשיקעניש דורך דעם,

וואָס זי באַזייטיקט די פּלעצער, פון וואַנען זיי ציען זייער יניקה.

11) פילע קראַנקהייטן פון די תבואה־קולטורן, באַזונדערס דער תבואה־שימל, ווערן פאַראורזאַכט דורך ניט־גענוגענדן דרע־נאַזש. אין אַ טעריטאָריע, וואָס האָט אַ נאַסן וואוקס און שניט־סעזאָן, איז דער דרענאַזש אַ באַזונדערע טובה, ווייל ער מאַכט צונישט די דאָזיקע געפאַר.

## דרענאַזש־מעטאָדן אין זייער אָנווענדונג אויף ביראָ־בידזשאַן

אין דרענאַזש־פּראַקטיק ווערן אויסגענוצט פאַרשידענע אופנים פון באַשיצן, קאָנטראָלירן און באַזייטיקן דאָס איבער־פליסיקע וואַסער פון דעם באָדן. אין בעסטן פאַל קאָנען די איינ־געפירטע מעטאָדן און פּראַקטיק נאָר זיין אַ צוגאָב צום נאַטיר־לאַכן דרענאַזש. די מער־פּאָפּולערע מעטאָדן זיינען: אַ) אויס־גלייכן און פאַרבעסערן די נאַטירלאַכע שטראָמען, כדי אויף דעם אופן צו פאַרגרעסערן די שנעלקייט פון דעם וואַסער־אָפּפלוס און פאַרמיידן די פאַרפליייצונג פון דערבייאיקן לאַנד אין דער צייט פון שטאַרקע רעגנס, אָדער ווען עס צעגייט דער שניי. ב) באַשיצן דעם באָדן פון פאַרפלייצונגען דורך דאַמבעס אָדער גרעבליעס. ג) באַנוצן נייע קאַנאַלן אָדער גראָבנס, כדי שנעל אָפּצוציען דעם איבערפלוס פון וואַסער. ד) זאָרגפעלטיק אויסגעבויטע אונטער־ערד־גראָבנס אָדער רערן פון געבאַקטן ליים דערמעגלאַכן דאָס וואַסער זאָל אַריינפליסן און דאַן ווייטער אָפּפליסן אונטער דער אויבערפלאַך; און ה) די באַזייטיקונג פון דעם וואַסער איבערפלוס דורך פּאָמפּען.

די צוויי לעצטע מעטאָדן שטעלן מיט זיך פאָר די מער פאָרט־געשריטענע און קאָסטבאַרע דרענאַזש־פאָרמען און, לויט דער מיינונג פון דער קאָמיסיע, זיינען זיי אין דער אוממיטלבאַרער צו־קונפט ניט צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פון ביראָ־בידזשאַן. כאָטש דאַמבעס וואָלטן געווען ווינטשענסווערט, כדי צו באַשיצן געוויסע געגנטן געגן פאַרפלייצונג, מוז מען זיך אָבער הויפּט־זעכלאַך קאָנצענטרירן אויף אָפּענע גראָבנס אָדער קאַנאַלן, ווייל זיי זיינען ביליקער און קאָנען מער אַלגעמיין אָנגעווענדט ווערן. זיי לאָזן זיך לייכט בויען און דערצו קאָן מען זיך באַנוצן מיט

מאַשינען. זייער נוצן באַשטייט דערין, וואָס זיי באַזייטיקן דאָס וואַסער פון דער אויבערפלאַך, אין אָפּציען דאָס וואַסער פון נידעריקע און פייכטע פּלעצער און אין פאַרהאַלטן דאָס וואַסער, וואָס רינט אַרונטער פון די בערג־רוקנס אויף די דערבייאיקע פלאַכע שטרעקעס. ערשט ווען מען פּרוּווט אויס די דאָזיקע דרענאַזש־מעטאָדן, קאָן מען אָפּשאַצן זייער ווערט און באַדייטונג. מיט דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון׳ם לאַנד וועט מען קענען אויך איינפירן טייערערע מעטאָדן פון דרענאַזש און זיי וועלן זיך אויך עקאָנאָמיש באַצאָלן.

אחוץ דעם צוגרייטן די פעלדער פאַר תבואה־קולטורן וועט דער פאַרבעסערטער דרענאַזש אויך האָבן דעם גרעסטן איינפלוס אויף די מענשלאַכע לעבנס־באַדינגונגען. אין פילע פון די באַזוכטע דערפער זיינען אין די גאַסן באַמערקט געוואָרן קאַלוזשעס, כאָטש מ׳האָט נאָר געדאַרפט האָבן אַ קליינעם גראָבן, דאָס וואַסער זאָל אַרונטעררינען. אַזעלכע קאַלוזשעס אָדער בלאָטיקע גריבער פאַרמינערן ניט נאָר דעם ווערט פון די וועגן פאַר קאָמוניקאַציע, נאָר זיי גיבן פון זיך אויך אַרויס אַן אונאַנגענעמען ריח און זיינען די ברי־פּלעצער פאַר מאָסקיטאָס און אַנדערע פליגעלאַך, וועלכע זיינען אַ פּעסט אין ביראָ־בידזשאַן פּונקט אַזוי ווי אין אַלע נייע לענדער, וואו עס פאַלן שטאַרקע רעגנס.

עס איז פאַראַן אַן ענגע באַציאונג צווישן לאַנד־דרענאַזש און וועג־קאָנסטרוקציע, ווייל עס איז אַלגעמיין אַנערקענט, אַז דרענאַזש איז איינע פון די ערשטע שריט אין דעם בוי פון וועגן.

די קאָמיסיע דענקט, אַז עס וועט זיין אומעגלאַך דורכצופירן אין ביראָ־בידזשאַן גרויסע דרענאַזש־אַרבעטן אויף די ערשטע שטופן פון דער קאָלאָניזאַציע; זי וויל אָבער אויפמערקזאַם מאַכן, אַז די אַרבעטן, וואָס ווערן געטאָן, זאָלן געטאָן ווערן סיסטעמאַטיש און מעטאָדיש און מען זאָל אין פאָראויס גענוי באַטראַכטן יעדן שריט פון דער דרענאַזש־אַרבעט, פון אָנהויב ביז צום סוף, און ניט בויען אַזעלכע דרענאַזש־איינריכטונגען, וואָס זאָלן זיך שפּעטער ניט קענען אַריינפּאַסן אין אַ גרעסערן פּלאַן.

דער ערשטער שריט אין דער אַנטוויקלונג פון אַ גוטער דרע־נאַזש־סיסטעם איז גענויע אינפאָרמאַציע וועגן דער טאָפּאָגראַפיע און הידראָלאָגיע פון די באַטרעפנדע געגנטן. אויפ׳ן באַזיס פון אַזאַ ספּעציפישער אינפאָרמאַציע קאָן מען ניט נאָר אויסנוצן פון אָנהויב אָן די גינסטיקסטע פּלעצער, נאָר די דורכגעפירטע אַרבעטן קאָנען אויך זיין די עקאָנאָמישסטע, ווירקזאַמסטע, און צו דער זעלבער צייט פּייאיק פאַר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג און אויסברייטערונג. כאָטש עס זיינען צוגעשטעלט געוואָרן צו דער קאָמיסיע אייניקע טאָפּאָגראַפישע מאַפּעס, איז זי אָבער אינפאָר־מירט געוואָרן, אַז די מאַפּעס זיינען ניט אויף אַזוי פיל גענוי, אַז זיי זאָלן קאָנען פאַרענטפערן אַלע פּראָבלעמען. באַזונדערס פעלט אינפאָרמאַציע וועגן די טייכן און קלענערע שטראָמען.

אין קורצן וויל די קאָמיסיע אונטערשטרייכן, אַז דער דרע־נאַזש פון נייעם קאָלאָניזיר־באַדן האָט אַן ערשט־קלאַסיקע באַ־דייטונג, און דערפאַר איז דאָס אין דעם באַריכט אַזוי אויספירלאַך באַהאַנדלט געוואָרן. דער בוי פון גראָבנס, כדי צו דרעניר|ן די אויבערפלאַך און צו פאַרהאַלטן דאָס וואַסער, האָט סיי אַ גרויסע עקאָנאָמישע באַדייטונג, סיי אַ סאַניטאַרישע ווערט. דערפאָלג־רייכע מעטאָדן פון לאַנד־דרענאַזש, וואָס זיינען אויסגעפּרופט גע־וואָרן אין אַנדערע געגנטן, דאַרפן אויסגענוצט ווערן; מ׳מוז אָבער האָבן אין זינען, אַז די דרענאַזש־פּראָבלעמען פון ביראָ־בידזשאַן, פּונקט ווי פון יעדן אַנדערן נייעם לאַנד, פאַרלאַנגען באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט און אַ ספּעציעלן שטודיום. עס איז מעגלאַך, אַז עס וועט זיך אַרויסווייזן פאַר צוועקמעסיק צו עפענען דעם קאָמפּאַקטן אונטער־באַדן, און עס ווערט רעקאָמענ־דירט צו פּרוּוון דאָס אין אַ באַגרענעצטער מאָס. די רעזול־טאַטן פון די עקספּערימענטן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן מיט גראָבנס אויף דער בירא־פעלדער עקספּערימענטאַלער סטאַנציע, ווי אויך די אייגענע באַאָבאַכטונגען, באַשטעטיקן אין יעדער הינזיכט די מיינונגען פון דער קאָמיסיע.

# לאַנד־רייניקונג

די אַרבעט פון אָפּרייניקן און צוגרייטן דעם באָדן פון בירא־בידזשאַן הייבט אָפּ אין אַ גרויסער מאָס פון דעם צושטאַנד, אין וועלכן די ערד געפינט זיך איצט. אַ היבשער טייל פון׳ם פּלאַכלאַנד אין די טאָלן איז באַדעקט מיט גראָז, מיט קאַרליק־בוימער און אין מאַנכע פּלעצער מיט קוסטעס. דער טייל פון׳ם לאַנד פאָדערט ניט קיין סך אַרבעט איידער מען טרעט צו צום אַקערן. די וואָרצלען זיינען אָבער האַרטע און די געוויינלאַכע פּלוגן ווערן שטאַרק באַשעדיקט, ווען מען נוצט זיי פאַר איינ־ברעכן דעם באָדן.

אַנדערע געגענטן, באַזונדערס דער „רעלקי״־באָדן, זיינען באַדעקט מיט גרעסערע בוימער אָדער מיט אַלטע פּעניעס, וואָס האָבן נאָך ניט אָנגעהויבן צו פוילן, און מיט געדיכטע קוסטעס. די איצטיקע פּראַקטיק איז אָפּצושניידן די קוסטעס מיט די הענט און צו באַזייטיקן די פּעניעס, באַנוצנדיק זיך מיט „סטאַמפּ־פולערס״ (מאַשינעס צו אַרויסשלעפּן די פּעניעס). דאָס זעלבע טוט מען אויך אין אַנדערע לענדער ביי די זעלבע באַדינגונגען. אַזוי ווי עס זיינען פאַראַן אויף׳ן אָרט שווערע טראַקטאָרס, דענקט די קאָמיסיע, אַז מען וואָלט זיי געדאַרפט נוצן פאַר באַ־זייטיקן די פּעניעס און צוזאַמענלייגן זיי אין הויפנס, וועלכע קענען שפּעטער פאַרברענט ווערן.

אויב עס זיינען פאַראַן פערד, קאָן די האַנט־אַרבעט שטאַרק פאַרמינערט ווערן, ווען מען זאָל נוצן פערד פאַר די „סטאַמפּ־פולערס״. ווען עס זיינען ניט פאַראַן קיין גרויסע טראַקטאָרס, איז ווינשענסווערט צו באַנוצן זיך מיט „דעריקס״ (הויב־מאַשי־נעס), כדי צוזאַמענקלייבן און צוזאַמענלייגן די פּעניעס.

וואו מען דאַרף קאָרטשעווען שטייענדיקע בוימער, וואָלט זיך געלוינט צו קאָרטשעווען די פּעניעס צוזאַמען מיט די בוי־מער, אָבער נאָר דאַן, ווען עס זיינען פאַראַן שווערע טראַקטאָרס. ווען מען שניידט דורך די וואָרצלען און מען טשעפּעט צו דעם טראַקטאָר מיט לאַנגע דראָטן צו די בוימער אויף אַ געוויסער הויך, קאָן מען די בוימער אויסרייסן צוזאַמען מיט די וואָרצלען

און שפּאָרן דערביי פּיל אַרבעט. דער דערפאָלג פון אַזאַ מעטאָד הייננט אָפּ פונ׳ם באָדן און פונ׳ם כאַראַקטער פון די ביימער. אַמבעסטן איז דערפאַר צוגעפּאַסט אַ לויזער באָדן און ביימער מיט אַ פלאַכער וואָרצל־סיסטעם.

דאָס אויפאַקערן פון נײַי לאַנד, וואָס אַנטהאַלט גרויסע האַרטע וואָרצלען, איז זייער שווער פאַר אַ פלוג און פירט דער־צו, אַז די איינצלנע טיילן פונ׳ם פלוג ווערן צעבויגן און צע־בראָכן. אין אַזעלכע פאַלן לוינט זיך פּיל בעסער צו באַנוצן ספּעציעלע פלוגן פאַר קאָרטשעוועז, וואָס ווערן געמאַכט באַזונ־דערס פעסט און שווער, כאָטש דער טעמפּ פון דעם אַקערן ווערט דערביי שטאַרק פאַרקלענערט. מיט אַזעלכע פלוגן שפּאָרט מען פּיל צייט און געלט ביים אָפּרייניקן דעם באָדן דערפאַר, וואָס די גרויסע וואָרצלען און די פּעניעס פון קליינע ביימער ווערן אויפ־געאַקערט און עס פאָדערט אויך ווייניקער אַרבעט זיי דערנאָך אויסצוגראָבן.

אין פילע פאַלן קאָן מען זיך באַנוצן מיט אויפרייס־שטאָפן, כדי אַרויסצורייסן גרויסע פּעניעס, אָבער צוליב די קאָסטן פון אַזעלכע עקספּלאָזיוו־שטאָפן און צוליב די אַרבעטס־קאָסטן, וואָס זיינען דערמיט פאַרבונדן, איז דער מעטאָד ניט צוגעפּאַסט צו די איצטיקע באַדינגונגען אין ביראָ־בידזשאַן.

דער איצטיקער מעטאָד פון איבערגעבן צו די איבערוואַנדע־רער אויף קאָנטראַקט־יסודות די אַרבעט פון קאָרטשעווען מיט די הענט איז אַן עקאָנאָמישער און דאַרף ברייננגען גוטע רע־זולטאַטן.

## לאַנדווירטשאַפטלאַכע קולטורן

די געאָגראַפישע לאַגע פון ביראָ־בידזשאַן, זיין געאָלאָגישע אַנטוויקלונג, די מעטעאָראָלאָגישע און באָדן־באַדינגונגען, וואָס זיינען באַשריבן געוואָרן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען, באַווייזן, אַז מען קאָן אין ביראָ־בידזשאַן דערפאָלגרייך קולטיווירן אַלע פלאַנצן, וואָס קאָנען נאָר קולטיווירט ווערן אין דער געמע־סיקטער זאָנע. די קאָמיסיע האָט דערפאַר געמאַכט אַ גענויעם

שטודיום, כדי אויסצוגעפינען, ווי ווייט עס זיינען פאַרשפּרייט און וואָס פאַר אַן ערפאָלג עס האָבן די לאַנדווירטשאַפטלאַכע קולטורן אויף די 75 טויזנט אַקער, וועלכע ווערן שוין איצט באַארבעט אין ביראָ־בידזשאַן. די רעזולטאַטן פון דעם שטודיום זיינען פאָלגנדיקע:

תבואות. — ווייץ, קאָרן, גערשטן, האָבער און גרעטשקע ווערן קולטיווירט אינ'ם גאַנצן געגנט. לויט דאָקומענטאַלע באַ־ווייזן, האָט ווייץ אין דעם געגנט אַריינגעבראַכט אַזוי פיל ווי 42 בושל פער אַקער. לויט די באַאָבאַכטונגען פון דער קאָמיסיע, וועט די ווייץ אין יאָר 1929 אַריינברייגגען אַ דורכשניט פון אַרום 18 בושל פער אַקער.

ס'איז פאַראַן אַ געוויסע שוועריקייט אין פּראָדוצירן די תבואות אין ביראָ־בידזשאַן צוליב די פיל רעגנס אין צייט פון דעם וואוקס־סעזאָן און באַזונדערס אין צייט פון שניט. די פייכטקייט פאַרשנעלערט דאָס וואַקסן, אָבער צו דער זעלבער צייט שאַפט זי אַ גינסטיקן באָדן פאַר דער אַנטוויקלונג פון שימל־קראַנקהייטן.

מיט באַדייטנדע שוועריקייטן איז פאַרבונדן דער שניט פון תבואות אין צייט פון נאַסן וועטער, און אָפט טרעפט, אַז נאָך דעם ווי די תבואה איז אָפּגעשניטן, פאַרקלענערט זיך די קוואַלי־טעט צוליב די רעגנס, וואָס נעצן זי דורך, איידער מען קאָן זי דרעשן. די רעגירונג פאָרשט איצט אויס מעטאָדן, ווי אַזוי ביי־צוקומען די דאָזיקע שוועריקייטן. עס ווערן שטודירט פאַרשי־דענע סאָרטן ווייץ, וואָס זיינען ווידערשטאַנדס־פיאיק געגן שימל און וואָס וועלן זיך אַריינפּאַסן אין די אַלגעמיינע קלימאַטישע באַדינגונגען. און עס ווערט געטאָן אַלץ מעגלאַכע, כדי בייצו־קומען די שוועריקייטן פון תבואה־פּראָדוקציע אין ביראָ־בידזשאַן. דער אַמור־דיסטריקט, וואָס האָט אַן ענלאַכן קלימאַט, אָבער וואו די קאָלאָניעס זיינען שוין עלטער, גיט שוין איצט אַרויס אַ באַ־דייטנדיקע תבואה־פּראָדוקציע.

דער סאָוועטישער מלוכה'שער תבואה־טראַסט (זערנאָטרעסט) האָט דורכגעפירט געוויסע אויספאָרשונגען אין ביראָ־בידזשאַן, און אַלס רעזולטאַט דערפון האָט ער אָנגעמערקט צוויי אָדער דריי

פלעצער, יעדעס פון 50 טויזנט העקטאר, פאר „סאָווכאָזן״ (מלוכה׳שע פארמעס) פאר דער פראָדוקציע פון ווייץ. איינע פון די פארמעס איז געגנט פון יעקאטערינא־ניקאָלסק וועט אָנהויבן צו ארבעטן אין פרילינג 1930. די פארם וועט קאָנען באשעפטיקן א גרעסערע צאָל אידישע איבערוואנדערער.

אַנדערע תבואות. — אין די גערטנער און פעלדער פון די אַלטע קאָלאָניסטן האָט די קאָמיסיע באמערקט א היבשע רייכקייט אין וואָרצל־פלאנצן: קירבעסן, גרינסן און פארשיידענע אַנדערע, ווי בוריקעס „מענגעל״ (א מין בוריק), מערן, ברוקוועס, ריבן, קארטאָפל, אוגערקעס, טאָמאטן, קאווענעס, דיניעס, ארבוזן, מעלאָנען, ארבעס, באָב, פעפער, „עגפּלענט״ (קאבאק), זונבלומען, ציבעלעס, מאָן, טאבאק, קוקורוזע (מאאיס), הירזש, מעדיצינישע פלאנצן, קרויט, סאלאט און רעטאך, האנף (קאנאפליע) און פלאקס זיינען אויך באמערקט געוואָרן אין פיל געגנטן.

אַזוי ווי אַנדערע אַגריקולטורעלע געגענטן, וואָס ליגן אין דער זעלבער געאָגראפישער ברייט ווי בירא־בידזשאן, איז אויך בירא־בידזשאן גוט צוגעפאסט צום וואוקס פון וואָרצל־פלאנצן, און עס וועט זיכער ניט זיין שווער צו באזאָרגן מיט די דאָזיקע פלאנצען יעדן מארק, וואָס וועט זיך אַנטוויקלען. איצט ווערן די פלאנצן גענוצט הויפּטזעכלאך אלס עסנווארג פאר מענשן, אָבער מיט דער איינפירונג פון מער פיצוכט, וועט זיך זייער נוצבארקייט שטארק פארגרעסערן אלס זאפטיקע נארונג פאר די בהמות.

אַזעלכע גרינסן ווי אַרבעס און באָב וואקסן גאנץ גוט און כאָטש דערוויַיל איז דער מארק פאר די פלאנצן א לאָקאלער, איז ניט פאראן קיין שום פיזישער גרונט, פארוואָס מען זאָל ניט קאָנען פראָדוצירן גענוג פון די גרינסן אויף צו מאכן פון זיי קאָנסערוון אויך פאר דעם דרויסנדיקן מארק.

וואו נאָר די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע זיינען געוועזן, האָבן זיי באמערקט אויסגעצייכנטע גערטנער, און די איבערוואנדערער און קאָלאָניסטן וועלן קאָנען שטארק פארבעסערן זייער שפּייז דורך די צאָלרייכע גאָרטן־פלאנצן, וואָס וואקסן דאָרט. פונדעסטוועגן דארף באמערקט ווערן, אז נאָך נישט

אַלע איבערוואַנדערער נוצן אויס ווי געהעריק די גאָרטן־מעג־לאַכקייטן.

ספּעציעלע קולטורן. — דער קלימאַט פון בירא־בידזשאַן איז צוגעפּאַסט פאַר דעם וואוקס פון אַזעלכע סוב־טראָפּישע פלאַנצן ווי רייז און קאַסטאָר־באָב. די קאָרייער אין בראַגאָסלאָ־ווענאָיע און די אַלטע קאָלאָניסטן אין מיכיילא־סעמיאָנאָווסק פלאַנצן דאָרט רייז און מאַכן אַהיבשן פּראָפיט. די אידישע איבערוואַנדערער אין בירושקא האָבן היי־יאָר אָנגעהויבן צו פלאַנצן רייז, און דער „אָזעט" רעכנט באַצייטנס צו פאַרענדיקן אַ באַוואַסערונג־סיסטעם נעבן דער קאָלאָניע „אַמורזעט". דאָרט וועלן די איבערוואַנדערער קאָנען פלאַנצן אַרום טויזנט אַקער רייז שוין אין 1930. עס געפינען זיך פילע פלעצער אין בירא־בידזשאַן, וואו די באַוואַסערונג קאָן פאַרהעלטניסמעסיק ביליק דורכגעפירט ווערן. עס איז ניטאָ קיין שום צווייפל, אַז רייז קאָן דאָרט שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע, ווייל עס וואַקסט אויך ביי ענלאַכע באַדינגונגען נעבן דער אַזערע כאַנקאַ אויפ'ן מלוכה'שן רייז־„סאָווכאָז".

די קאָמיסיע וויל ציען די באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט אויף דער באַדייטונג פון סאָיא־באָב אַלס אַ ספּעציעלע תבואה, וואָס איז צוגעפּאַסט צו בירא־בידזשאַן. מען האָט אויסגעפונען, אַז די פּרוכטבאַרקייט פון באָדן פאַרבעסערט זיך, ווען מען בייט סאָיא־באָב מיט רייז. דאָס איז באַוויזן געוואָרן אין די רייז־פעלדער פון דער כאַנקאַ אָזערע. אויף דעם אויבנדערמאָנטן באָדן, וואָס דער „אָזעט" גרייט צו אַלס רייז־פעלדער פאַר די קאָלאָניסטן, ווערט געפלאַנט צו בייטן סאָיא־באָב מיט רייז. די קאָמיסיע האָט באַקומען זייער אַ גינסטיקן איינדרוק פון דעם פּראַכטפולן וואוקס פון סאָיא־באָב, וועלכן מען קאָן געפינען אין יעדן טייל פון בירא־בידזשאַן. די דאָזיקע פלאַנץ, וואָס פאַרבע־סערט דעם באָדן, פּראָדוצירט פעטע און קאָנצענטרירטע נאַרונג און איז זייער אַ נוצלאַכע קולטור. וואָס פאַר אַ ווערט זי האָט, האָט מען געקענט זעהן אין די לעצטע יאָרן אין מאַנדזשוריע, און די קאָמיסיע דיינקט, אַז עס זיינען פאַראַן די בעסטע מעג־לאַכקייטן פאַר עקספּאָרט. דער פאַקט, וואָס סאָיא־באָב קאָן גע־

שניטן ווערן נאָכ'ן רעגן־סעזאָן, מאַכט זי באַזונדערס צוגעפּאַסט פאַר ביראָ־בידזשאַן.

**פּאַשע און היי־גראָזן.** — די גאַנצע געגנט פון ביראָ־בידזשאַן איז באַדעקט מיט הויכע און געדיכטע פּלאַנצן, אָבער גוטע היי־גראָזן זיינען ניט פאַראַן צופיל. Carex Schmiditti און Colomagratis Langsdorfi זיינען די וויכטיקסטע פּלאַנצן, וואָס די אַלטע קאָלאָניסטן נוצן איצט. זיי גייען אָפּט ווייט אַוועק פון זייערע דערפער, כדי צו געפינען די היי־פּלאַנצן. עס איז נויטיק איינצופירן פּלאַנצן, וואָס זיינען נאַרהאַפטער און געשמאַקער. עקספּערימענטן ווערן איצט געמאַכט נעבן כאַ־באַראָווסק מיט קלאָווער, אַלפּאַלפּאַ און טימאָטייאוס־גראָז. די דאָזיקע לעצטע פּלאַנץ האָט די קאָמיסיע אויך געזען אויף דער ביראָפעלדער עקספּערימענטאַלער סטאַנציע, און זי האָט גוטע אויסזיכטן אין ביראָ־בידזשאַן.

אין אַזעלכע לענדער ווי האָלאַנד און דענמאַרק, וואו עס רעגנט אויך זייער פיל אין זומער, זיינען די גראָזן דער באַזיס פון דעם נאַציאָנאַלן רייכטום, ווייל זיי שטעלן צו נאַרונג פאַר די מילך־קי. כאָטש מען געפינט ניט אין ביראָ־בידזשאַן צופיל קולטיווירטע גראָזן, איז די קאָמיסיע מיט דער מיינונג, אַז עס זיינען פאַראַן גרויסע שטרעקעס, וואו מען קאָן פּראָדוצירן די מער ווינטשענסווערטע גראָזן און די פּאַשע וואָס קאָנען ווערן דער פונדאַמענט פאַר אַ ברייטער מילך־ווירטשאַפט.

**פּרוכטן.** — די קאָמיסיע האָט געפונען אין ווילדן צושטאַנד טרוסקאַווקעס, מאַלינעס, זשוכלינעס, אַגרעסן, ווייַנטרויבן, יאַגדעס, האָזן־ניס, פלוימען, עפּל בארן און אַפּריקאָסן. עס איז שוין געלונגען די כאַבאַראָווסקער עקספּערימענטאַלע סטאַנציעס אָפּצוקלייבן און איבערצושטשעפּען די בעסערע סאָרטן און אַזוי אַרום אַרויסצוברייינגען פרוכטן פון אַ בעסערער קוואַליטעט, סיי בוימער־אַרטיקע, סיי קוסטן־אַרטיקע. די קאָמיסיע איז מיט דער מיינונג, אַז עס וועט מעגלאַך זיין צו פּראָדוצירן אין ביראָ־בידזשאַן אַ גוטע קוואַליטעט פון די דערמאָנטע קוסטן־פּרוכטן.

**אַנדערע מעגלאַכע קולטורן.**—די כינעזישע יוטע (פּלאַקס),

דער גאַלווין, דער צוקער־בוריק, אַן אויפֿלאַנץ סוזא און פֿילע אַנדערע פֿלאַנצן ווערן באַטראַכט פֿון פֿילע עקספּערטן אַלס מעג־לאַך צו קולטיווירן אין ביראָ־בידזשאַן. עקספּערימענטן ווערן דורכגעפֿירט מיט די דערמאָנטע פֿלאַנצן אין ביראָפֿעלד און גענויע באַריכטן וועגן דעם וועט מען קענען באַקומען שפּעטער.

## פֿ י צ ו כ ט

די דערפֿאַרונג פֿון פֿיל יאָר־הונדערטער פֿון לאַנדווירטשאַפֿט אין אייראָפּע און אַמעריקע האָט באַוויזן די באַדייטונג פֿון פֿי־צוכט פֿאַר דער אַגריקולטור. דער גרונט דערפֿאַר איז פֿאָלגנדער:

1) פֿיצוכט גיט דעם פּויער באַשעפֿטיקונג אין אַ צייט, ווען ער איז נישט פֿאַרנומען מיט דער תּבֿואה־פּראָדוקציע.

2) די בהמות קענען אויסגענוצט ווערן צו פֿאַרבעסערן די פּרוכטבאַרקייט פֿון באָדן.

3) דורך פֿיצוכט קען מען פֿאַרוואַנדלען אַזעלכע תּבֿואות ווי קאָרן און היי אין מער קאָנצענטרירטע פּראָדוקטן, ווי פּוטער, קעז, אייער און פֿלייש, און מען קען אויך בעסער אויסנוצן די ביי־פּראָדוקטן פֿון סאָיא־באָב און פֿלאַקס, וואָס ווערן קולטיווירט הויפּטזעכליך צוליב זייער פֿעט־אינהאַלט. אין אַזאַ לאַנד, ווי בּיראָ־בידזשאַן, וואָס געפֿינט זיך ווייט פֿון באַפֿעלקערונגס־צענט־רען און פֿון מערק, איז שווין צוליב די טראַנספּאָרט־קאָסטן אַליין נויטיק צו פֿאַרוואַנדלען די גרעסערע תּבֿואות אין מער קאָנ־צענטרירטע פּראָדוקטן.

די דערפֿאַרונג פֿון די אַלטע קאָלאָניסטן פֿון דעם טייל פֿונ'ם ווייטן מזרח באַווייזט, אַז עס איז מעגלאַך צו האָדעווען די זעל־בע בהמות און עופֿות, ווי אין אייראָפּע און אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. אין די מערסטע פֿון די אַלטע דערפֿער האָט די קאָמי־סיע באַמערקט בהמות, פֿערד, שאָף, ציגן, חזירים, הינער, קאַטש־קעס און גענז. זיי האָבן זיך געפֿונען אין אַ גוטן צושטאַנד און אַנטוויקלען זיך גוט אין די דאָרטיקע באַדינגונגען.

עס איז באַמערקט געוואָרן, אַז עס פֿעלן דאָ מאַנכע פֿי־

סאָרטן, וואָס זיינען פּאָפּולער אין אייראָפּע. די בהמות זעען דאָ אויס ווי אַ געמיש פון פאַרשידענע קאָלירן און טיפּן. זיי דינען דאָ מערסטנס אַ דאָפּלטן צוועק, ווייל די אַלטע קאָלאָניסטן נוי־טיקן זיך סיי אין מילך און סיי אין פלייש, און האָבן זיך ניט ספּעציאַליזירט צו האָדעווען בהמות נאָר פון איין טיפּ.

אין דער קאָלאָניע „איקאָר" האָט די קאָמיסיע באַמערקט, אַז יעדע קו גיט צוויי גאַלאָנען מילך אַ טאָג, וואָס איז זיכער ניט גענוג פאַר אַן ערשט־קלאַסיקער מילך־קו. עס איז וואַרשיינ־לאַך, אַז די קי פון די אַלטע קאָלאָניסטן גיבן נאָך ווייניקער מילך. איידער מען וועט קענען עטאַבלירן אַן ערשט־קלאַסיקע מילך־ווירטשאַפט, וועט זיין נויטיק צו אַנטוויקלען ספּעציעלע מילך־קי. דאָס וועט מען וואַרשיינליך אַמבעסטן קאָנען טאָן אויף אַזאַ אופן, אַז מען זאָל נוצן די בעסטע באַקאַנטע מילך־קי און זיי דורכקרייצן מיט די אָרטיקע קי־סאָרטן, וואָס האָבן זיך שוין אַקלימאַטיזירט אין דעם געגנט.

די פערד זיינען נישט קיין סך גרעסער ווי לאַשיקעס, און כאָטש זיי ווייזן אויס צו זיין גוט צוגעפּאַסט צו דער שווערער אַרבעט, וואָס זיי דאַרפן טאָן אין די פּיאָנער־באַדינגונגען, זיינען זיי אָבער צו קליין צו באַפרידיקן די באַדערפעניש פון אַ מאָ־דערנער ווירטשאַפט.

שאָף, ציגן און חזירים, ווי אויך די עופות, זיינען אַלע פון אַ נידעריקער און געמישטער צוכט, אָבער עס וועט ניט זיין שווער צו פאַרבעסערן זיי, ווען מען וועט אַריינפירן אַנטשפּרעכנדע סאָרטן. צוליב דעם שאַרפן קלימאַט פון דער געגנט וועט נאַ־טירלאַך זיין נויטיק איינצואָרדענען פּאַסיקע שטאַלן, ספּעציעל ווען מען וועט איינפירן ספּעציאַליזירטע און מער דעליקאַטע בהמות.

כאָטש בירא־בידזשאַן האָט דערוויילן נאָך ניט געמאַכט קיין גרויסן פאָרשריט אין דער אַנטוויקלונג פון פיצוכט, זעט ניט די קאָמיסיע קיין שום גרונט, פאַרוואָס מען זאָל דאָ ניט קאָנען אַנטוויקלען אַלע צווייגן פון פיצוכט. די קאָמיסיע רעקאָמענדירט באַזונדערס די איינפירונג פון מילך־ווירטשאַפטן, ווייל די פּראָ־דוקטן ווערן שטאַרק פאַרלאַנגט אין גאַנצן ווייטן מזרח.

חזירים, שאָף און עופות קאָנען אַנטוויקלט ווערן אין אינ־דיווידועלעווירטשאַפטן, און עס איז מעגלאַך, אַז מיט דער צייט זאָלן אַזעלכע ווירטשאַפטן זיך פאַרוואַנדלען אין גרויסע אונטער־נעמונגען. דאָס איז אָבער אַ זאַך, וואָס ערשט די צוקונפט וועט קאָנען באַווייזן.

## ב י נ ע נ צ ו כ ט

בירא־בידזשאַן איז באַזונדערס צוגעפּאַסט פאַר בינענצוכט און פאַר דער פּראָדוקציע פון אַן אויסגעצייכנטער קוואַליטעט פון האָניג. ביי די אַלטע קאָלאָניסטן באַמערקט מען אַ גרויסע צאָל גוט־איינגעאָרדנטע בינשטאַקן. אויך די אידישע קאָלאָ־ניסטן, כאָטש זיי געפינען זיך דאָ אין לאַנד ערשט זינט פרילינג, 1928, האָבן שוין באַוויזן איינצואָרדענען צוויי גרעסערע בינען־ווירטשאַפטן. אין איצטיקן מאָמענט איז אין איין ווירטשאַפט פאַראַן 150 בינשטאַקן און אין דער צווייטער — 100. די גרע־סערע ווירטשאַפט, וואָס געפינט זיך 22 קילאָמעטער פון טיכאָנ־קאיא, איז באַזוכט געוואָרן פון דער קאָמיסיע, וועלכע האָט פעסטגעשטעלט, אַז מ׳מאַכט דאָרט אויסגעצייכנטן האָניג.

די העכערע געגנטן אין בירא־בידזשאַן פאַרמאָגן, לויט פּראָפ. סאַוויטש, אַ סך פלאַנצען, וואָס פּראָדוצירן אויסגעצייכענטן האָניג־נעקטאַר. באַזונדערס צייכענען זיך דאָ אויס די ליפּעווע ביימער פון צוויי מינים: Tilia Amureusis און Tilia Manchurica אַנדערע וויכטיקע האָניג־פלאַנצן ווערן אויסגערעכנט פון פּראָפ. סאַוויטש אין פאָלגנדער אָרדנונג, לויט זייער וויכטיגקייט: Lespedeza Bicolor, Phelodendron Amureuse, Acer Mono, Atrai-tylis Ouata, Salix Sp. Caicalia Hastata, Cimicifuga Simplex, Chamaenerimu Angustifoliun און אַזוי ווייטער.

אחוץ די אויבנדערמאָנטע נאַטירלאַכע אָדער ווילדע פלאַנצן קאָן מען אויך באַקומען גוטן האָניג־שטאָף פון אַזעלכע קולטי־ווירטע תבואות ווי רעטשקע און זונבלומען. מען קאָן דערפאַר אָננעמען, אַז בינענצוכט וועט ווערן איינע פון די וויכטיקערע אינדוסטריען פאַר די בירא־בידזשאַנער קאָלאָניסטן.

## מאשינען

מעכאנישע פארם־אויסשטאטונג איז א וויכטיקער פאקטאָר אין דער מאָדערנער לאנדווירטשאפט, ווייל זי איז דער הויפּט־מיטל צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקטיוויטעט פון דעם ערד־ארבע־טער. די קאָמיסיע האלט אָבער פאר נויטיק אָנצואווייזן, אז מאַ־שינען זיינען ניט קיין ציל פאר זיך, נאָר א מיטל צו א ציל. אין א גוט דורכגעפירטן און אָרגאניזירטן פּלאן פון פּראָדוקציע שפילט די מאשינען־קראפט א וויכטיקע ראָלע אין פארגרעסערן די ארבעטס־פּראָדוקטיוויטעט. מאשינען אָבער, וואָס זיינען ניט ריכטיק אריינגעפּאסט אין דעם אויסגעארבעטן און אָרגאניזירטן פּלאן פון פּראָדוקציע, קאָנען לייכט ווערן א לאסט.

באַ דעם אויסוואַל פון מעכאנישער פארם־אויסשטאטונג איז זייער וויכטיק, אז יעדע מאשין זאָל יעדעס יאָר ברענגען אזוי פיל נוצן ווי מעגלאך און אז אלע מאשינען, וואָס ווערן באנוצט פאר פארשידענע ארבעטן, זאָלן קאָנען געטריבן ווערן פון דער זעלבער קראפט אָדער טראקטאָר. אזוי, צ. ב., אויב מען זאָל זיך באנוצן מיט פאָרגעשריטענע אויסשטאטונגען ביים אַקערן און זייען און דער שניט זאָל דורכגעפירט ווערן מיט האנט־ארבעט, וועלן א סך פאַרצוגן, וואָס ווערן דערגרייכט דורך דער מאשין, באדייטנד פארקלענערט ווערן צוליב דעם, וואָס יעדער ארבעטער קאָן ארונטערנעמען די תבואה נאָר פון א באגרעניצט שטיק לאנד. אין א גוט־אויסגעארבעטן פּלאן פון תבואה־פּראָדוקציע ווערט די אויסשטאטונג צוגעקליבן אזוי, אז זי זאָל קאָנען דורכפירן אלע ארבעטן אזוי דערפאָלגרייך ווי מעגלאך.

די קאָמיסיע האָט געפונען אין די פארשידענע קאָלאָניעס א היבש ביסל אויסשטאטונג, אָבער א טייל פון די פעלד־מאשינען זיינען ניט געווען צוגעפּאסט פאר טראקטאָרס. א סך פון דער שניט־ארבעט איז געטאָן געוואָרן מיט די הענט, ווייל עס זיינען ניט געווען קיין מאשינען, וואָס זאָלן זיין צוגעפּאסט צו דער נאסער ערד.

עס ווערט רעקאָמענדירט, אז ביי דעם אויסוואַל פון נייע

מאשינען זאָל צוגעגרייט ווערן אַ סכעמע פון אַלע אַרבעטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער קולטיווירונג פון יעדער תבואה און דערביי זאָלן אָנגעמערקט ווערן די נויטיקע מאַשינען און וואָס זיי קאָנען אָפּטאָן יעדן טאָג. ווען מען וועט פאַרגלייכן אַזאַ ליסט מיט דער צאָל טעג, וואָס פאָדערט זיך פאַר יעדער איינצעלנער אַרבעט, ווען מען קאָנען זען, צי דער גאַנצער פּלאַן קאָן דורכגעפירט ווערן אויף אַ דערפאָלגרייכן אופן.

עס איז באַמערקט געוואָרן, אַז די פעלד־מאַשינען נויטיקן זיך זייער שטאַרק, אַז מען זאָל זיי פאַררעכטן. דאָס קומט צום טייל דערפון, וואָס ביים איינברעכן נייעם באָדן נוצן זיך די מאַשינען שטאַרק אָפּ. אָבער דורך סיסטעמאַטישע מעטאָדן פון פאַריכטן די מאַשינען קאָן מען בייקומען די דאָזיקע שוועריקייט. עס איז דערפאַר באַזונדערס וויכטיק צו פאַריכטן אַלע מאַשינען, איידער עס הויבט זיך אָן דער נייער סעזאָן.

דאָס אויסבילדן פון די טראַקטאָריסטן ווערט דורכגעפירט מיט באַדייטנדיקן דערפאָלג, און די אויסשטאַטונג פאַר די לימודים איז אַ גוטע און צוגעפּאַסטע. די דערפאַרונג לערנט אָבער, אַז עס איז ניט ווינשנסווערט צו באַנוצן די זעלבע אויסשטאַטונג סיי פאַר אונטעריכט און סיי פאַר פּראָדוקציע, ווייל די מאַשינען לײַדן אין די הענט פון אומדערפאַרענע שילער און געפינען זיך ניט אין בעסטן צושטאַנד, ווען עס קומט דער קריטישער מאָמענט. די קאָמיסיע האַלט דערפאַר פאַר ווינשנסווערט, אַז אַ געוויסער טייל פון דער אויסשטאַטונג זאָל באַשטימט ווערן ספּעציעל פאַר דער פּראָדוקציע. די דאָזיקע אָפּזונדערונג פון דער אויסשטאַטונג איז זייער וויכטיק, אויב מען וויל דורכפירן גרעסערע פּלענער פון קאָלאָניזאַציע.

צוליב דער פייכטקייט, וואָס געפינט זיך אויף די פעלדער אין דער צייט פון דעם תבואה־וואוקס־סעזאָן, איז ווינשנסווערט אויסצוקלייבן אַזאַ אויסשטאַטונג, וועלכע איז צוגעפּאַסט צו די דאָזיקע באַדינגונגען. עס איז באַזונדערס ווינשנסווערט צוצוגרייטן רייפן און אושאַקעס פאַר די טראַקטאָרס. די שניט־מאַשינען דאַרפן אויך געטריבן ווערן פון טראַקטאָרס.

# אינדוסטריע

עס איז פון גרויסער עקאָנאָמישער וויכטיקייט פאַר יעדער געזעלשאַפט צו אַנטוויקלען די פאַבריק־אינדוסטריע גלייכצייטיק מיט דער לאַנדווירטשאַפט. די אַרבעטער אין די פאַבריקן גע־ברויכן די נאַרונגס־אַרטיקלען, וואָס ווערן פּראָדוצירט אויף די פאַרמס; די פאַבריקן פּראָדוצירן גיטער, וואָס זיינען וויכטיק פאַר דעם וואוילזיין פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, און מ'קאָן איינפירן אַן אויסטויש פון אַרבעט צווישן די פאַבריקן און די פאַרמס, אַזוי אַז דער אַרבעטער זאָל קאָנען זיין באַשעפטיגט אַ גאַנץ יאָר.

יאין אַלגעמיין האָבן די אינדוסטריעס אין אַ טעריטאָריע ווי בירא־בידזשאַן צוויי קוואַלן פון רויע מאַטעריאַלן: די נאַטיר־לאַכע רויע מאַטעריאַלן, דאָס הייסט, אַזעלכע וואָס מען באַקומט פון די וועלדער אָדער די שאַכטן, און די רויע מאַטעריאַלן, וואָס ווערן פּראָדוצירט אין דער לאַנדווירטשאַפט. דער וויכטיקסטער קוואַל פון נאַטירלאַכע רוי־מאַטעריאַלן פאַר די בירא־בידזשאַנער קאָלאָניעס זיינען די וועלדער, וואָס פאַרמאָגן אַ גרויסן רייכטום פון האָלץ, מיט וועלכן מען קאָן זיך תיכף באַנוצן. די קאָמיסיע איז אינפאָרמירט געוואָרן, אַז אַ גוטע האָלץ־באַאַרבעטונג־אויס־שטאַטונג וועט זיך דאָ געפינען אין דער נאָענטער צוקונפט, און זי רעקאָמענדירט צו די קאָלאָניזאַציע־אָרגאַנען, אַז זיי זאָלן אַנטוויקלען די אינדוסטריע פון האָלץ־פּראָדוקטן אַזוי שנעל ווי עס לאָזט זיך נאָר. די פּראָדוקציע פון סטאַנדאַרדיזירטע פענס־טער, טירן, פענסטער־ראַמען און טיר־ראַמען און אַנדערע האָלץ־אַרטיקלען וועט פאַרלייכטערן און פאַרקלענערן די קאָסטן פון דעם הייזער־בוי און צו דער זעלבער צייט וועט אויך דער פאַב־ריק־פּראָדוקט זיין פון אַ העכערער קוואַליטעט. די אויסאַרבע־טונג פון אַזעלכע סטאַנדאַרדיזירטע מאַטעריאַלן איז באַזונדערס ווינשנסווערט צוליב דעם, וואָס די פּראָדוקטיוויטעט פון אַרבעט ווערט שטאַרק פאַרגרעסערט, ווען מען באַנוצט זיך מיט אַ האָלץ־באַאַרבעטונג־מאַשין. מען קאָן בעסער קאָנטראָלירן סיי די קוואַליטעט פון די מאַטעריאַלן, סיי די מאַטעריאַלן גופא; מען

קאָן פאַרשענערן דאָס אויסזען פון דעם פאַרטיקן פּראָדוקט. מיט איין וואָרט, מען קאָן פּראָדוצירן אַ פיל בעסערן אַרטיקל.

די קאָלאָניעס נויטיקן זיך אויך אין מעבל, און די האָלץ־אינדוסטריע דאַרף אַריינכעמען אויך די מעבל־פּראָדוקציע. האָלץ פאַר דעם צוועק געפינט זיך איבערגענוג. קאַסטענס און ענלאַכע אַרטיקלען קאָנען אויך פּראָדוצירט ווערן מיט פּראָפיט.

אַחוץ דעם וואָס די פּראָדוקטן פון דער האָלץ־אינדוסטריע וועלן באַפרידיקן די באַדערפענישן פון די קאָלאָניעס, איז אויך ניטאָ קיין שום גרונט, פאַרוואָס זיי זאָלן ניט קענען פאַרקויפט ווערן אין אַלגעמיין אין אַלע טיילן פון דעם וויטן מזרח.

די פּראָדוקציע פון האָלץ־קוילן, סמאָלע און אַנדערע פּראָדוקטן, פאַר וועלכע די וועלדער זיינען אַ קוואַל פון רויע מאַטעריאַלן, דאַרף אויסגעפאָרשט און איינגעפירט ווערן אויף וויפיל עס איז פאַראַן דערפאַר אַ פאַסיקער מאַרק.

אין אייניקע געגענטן איז פאַראַן קאַלך־שטיין און מאַרמאָר. די פּראָדוקציע פון קאַלך פאַר בוי־ און אַנדערע צוועקן וועט זיך זיכער לוינען אין פלעצער, וואו עס געפינען זיך אונטער דער האַנט פאַסיקע רוי־מאַטעריאַלן און ברען־שטאָף.

מיט דער אַנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט וועלן אויך מוזן אַנטוויקלט ווערן אינדוסטריעס, וואָס באַנוצן זיך מיט אַגריקולטורעלע פּראָדוקטן אַלס רוי־מאַטעריאַלן. דאָ קען מען דערמאָנען דאָס אויסאַרבעטן פון מילך־פּראָדוקטן, ווי פּוטער און קעז, דאָס מאָלן פון תבואות, ווי ווייץ און רייז, דאָס פּרעסן פון זאָמען פאַר אויל, אַזעלכע ווי פלאַקס־זאמען, סאיא־באָב און זונבלומען זאמען.

## טראַנספּאָרט און פאַרקער.

היינטיקע צייטן קאָן מען ניט אָנפירן קיין קאָלאָניזאַציע אָן פּאַסיקע טראַנספּאָרט און פאַרקער־מיטלען. ציוויליזירטע גרופּן שטעלן זיך ניט צופרידן מיט קליינע באַגרענצטע דערפער. זיי פאַרלאַנגען אַ קולטורעלן קאָנטאַקט און אַן אויסטויש פון סחורות מיט דער ברייטער וועלט. אויב מען וויל נעמען אין אַכט דעם וואוילזיין פון די נייע קאָאָלאָניסטן מוז מען אַזוי שנעל ווי

מעגלאך באזארגן לייכטע און עקאנאמישע פארקער־ און טראנס־ פארט־מיטלען.

וועגן. — די וועגן אין ביראַ־בידזשאַן שטעלן מיט זיך פאר, א דאנק דער באגרענצטער באפעלקערונג און צוליב די גרויסע שטרעקעס צווישן די ערשטע דערפער, א שווערע עקאנאמישע פראבלעם וואס שייך זייער בוי און אויפהאלטונג. דער פאסט־וועג פון מזרח צו מערב, געבויט מיט איבער 25 יאר צוריק, ווערט זייער ווייניק באנוצט און ער געפינט זיך צוליב דעם אין זייער א שלעכטן צושטאנד און די מערסטע פון די בריקן זיינען צע־בראכן. דער וועג איז געבויט געווארן מיט פיל מי און הוצאות און מען וואלט אים געקאנט גרינג פארריכטן.

די ארטיקע ארגאנען האבן אפגעגעבן פיל אויפמערקזאמקייט אין לעצטן יאר צו דעם וועג, וואס ציט זיך אין דרום מזרח פון טיכאנקאיא קיין כודינאוקא (קירמא), א שטרעקע פון ארום 12 קילאמעטער. גרעסערע שטרעקעס זיינען מיט פיל מי אויסגעגלייכט געווארן און די קאמיסיע האט זיי געפונען אין א גוטן צושטאנד. דערפאר אבער זיינען די נאך ניט־פארריכטע טיילן געווען אין אזא שלעכטן צושטאנד, אז דאס האט געשטערט דעם פארקער אויף דער גאנצער שטרעקע. א פלאכער ערד־וועג ציט זיך פון טיכאנ־קאיא צו דרום־מערב דורך אלעקסאנדראווקא, סטעפנאי און ביראַ־פעלד ביז צום טייך אמור. צו דער צייט ווען די קאמיסיע איז דארט געווען האט מען דעם וועג פון טיכאנקאיא קיין אלעקסאנד־ראווקא און ביראפעלד, א שטרעקע פון ארום 40 מייל, כמעט ניט געקאנט דורכפארן. עס וואלט געווען ווינשנסווערט איינצוארדע־נען א רעגלמעסיקן מאטארבוס און אוטאמאביל־דינסט צווישן די קאלאניעס אזוי שנעל ווי מעגלאך.

כאטש עס איז לייכט צו באקומען אזעלכע מאטעריאלן פאר גלאט מאכן דעם וועג, ווי שטיין און זאמד, אויף דער גאנצער שטרעקע פונ׳ם וועג, וואלט אבער געווען פון עקאנאמישן שטאנד־פונקט ניט ראטזאם אויסצוגלייכן די גאנצע לענג פונ׳ם וועג אין דער נאענטער צוקונפט. די וועג־פראבלעם איז דא ענלאך צו דער וועגן־פראבלעם אין די צענטראלע וועסט שטאטן פון די פאראייניקטע שטאטן אין די ערשטע צייטן פון זייער קאלאניזא־

ציע. דאָרט האָט מען אויסגעפונען, אַז אַ גוטער וועג, געמאַכט פון ערד, קאָן אויפגעהאַלטן ווערן דורך דרענאַזש און די דער־פאַרונג וואָלט געדאַרפט אויסגענוצט ווערן אויף ווי ווייט עס איז נאָר מעגלאַך. געוויינטלאַך ווערט אין די שטאַטן פּראַקטיצירט, אַז נאָכדעם ווי מען באַזייטיקט דאָס וואַסער פון דעם באָדן דורך זייטן־גראָבנס, און אויב נויטיק דורך אונטערדרענאַזש מיט דער הילף פון קאַכלנע רערן, ווערט די אויבערפלאַך פון באָדן רעגל־מעסיק אויסגעגלייכט מיט האקנס, כדי צו דערמעגלאַכן דעם דרענאַזש פון דער אויבערפלאַך. אויף דעם אופן ווערט פאַר־זיכערט, אַז דאָס וואַסער וואָס פאַלט אויפ׳ן וועג זאָל שנעל אָפּ־פליסן פון דער אויבערפלאַך. דער פּראָצעס פון אויסגלייכן דעם באָדן מוז דורכגעפירט ווערן רעגלמעסיק כדי צו פאַרמיידן עס זאָלן זיך בילדן קאַרבן אָדער גריבער, וואָס האַלטן איין דאָס וואַסער און מאַכן ווייך די אויבערפלאַך. דאָס פלאַך־מאַכן איז אַמווירקזאַמסטן נאָך רעגנס, ווען די ערד הייבט אָן צו טריקענען און ווען דער האקן קאָן לייכט אויסגלייכן דעם באָדן אויף דער אויבערפלאַך פונ׳ם וועג. די אויפהאַלטונג פונ׳ם וועג וועט פאַר־שנעלערט און פאַרלייכטערט ווערן אויב די פורן וואָס פאָרן דורך דעם וועג וועלן ניט זיין אויסגעשטאַטעט מיט רעדער מיט שמאָלע רייפן, וועלכע מאַכן לויז און צעברעקלען די אויבערפלאַך.

דער אָנהייב פון דעם וועג־בוי פּראָבלעם אין בירא בידזשאַן ווערט פאַרשווערט צוליב דעם איבערפלוס פון פייכטקייט אין דער ערד־אויבערפלאַך, וואָס האָט די אייגנשאַפט צו איינזאַפּן אַ סך וואַסער און ווערט צוליב דעם שנעל ווייך. די קאָמיסיע איז אונ־טערן איינדרוק, אַז עס וואָלט געווען ווינטשנסווערט דורכצופירן עקספּערימענטן אויף צו באַזייטיקן די אויבערשיכט און באַנוצן נאָר דעם אונטערבאָדן פאַר דעם בויען פון וועגן.

דער בוי פון אַ גוטן ערדענעם וועג איז בשום אופן ניט קיין פאַרלוסט אין פאַל מען זאָל שפּעטער וועלן דעם וועג פאַרבעסערן, דערפאַר ווייל דער ערשטער שריט אינ׳ם בוי פון אַ גלאַטן וועג איז אַ גוטער פונדאַמענט אין דער פאָרם פון אַן ערדענעם וועג.
עס איז שוין דאָרט פאַראַן געגנוג מאָדערנע אויסשטאַטונג

פאַר וועגבוי ווי האקנס, שאָב־מאַשינען, גרעידערס און שטיין־ברעכערס.

פּאַראַלעל מיט'ן בויען פון די קאָלאָניעס דאַרף גלייכצייטיק געבויט ווערן די וועג־סיסטעם כדי צו דערמעגלאַכן די אַיינאָרד־נונג פון א רעגלמעסיקן מאָטאָר־דינסט פאַר פּאַסאַזשירן און פאַר פראַכט.

וואַסער טראַנספּאָרט. — דער וואַסער טראַנספּאָרט אויפ'ן אַמור ווערט אָנגעהאַלטן רעגלמעסיק אין צייט פון זומער, ווען דער טייך איז נישט פאַרפראָרן. מיט אָט דעם טראַנספּאָרט קאָן זיך באַנוצן די קאָלאָניע אַמורזעט. אויף די טייכן בירא און בידזשאַן קאָנען פאָרן קלענערע דאַמפשיפן און שטרעקעס וואָס ציען זיך פיל ווייטער ווי די געגנטן וואָס זיינען דערווייל אויסגעטיילט פאַר קאָלאָניזאַציע. ווי באַלד עס וועלן זיין פּראָדוקטן פאַר עקספּאָרט וועט מען זיך קאָנען באַנוצן מיט די דאָזיקע טייכן.

אייזנבאַנען. — אַ טייל פון דער גרויסער טראַנס־סיבירישער אַייזנבאַן שניידט דורך דעם צפון טייל פון בירא בידזשאַן און דערמעגלאַכט אויף אזא אופן א לייכטע קאָמוניקאַציע קיין מזרח און קיין מערב. מיט דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פונ'ם לאַנד וועט מען זיכער דאַרפן בויען א צווייג פון דער באַן, וואָס זאָל זיך ציען קיין דרום צום אַמור און דורך דעם טאָל פונ'ם טייך בירא. ביז אָבער עס וועלן אין די געגנטן באַזעצט ווערן מער איבערוואַנדערער, וואָלט די אויסגאַבע פאַר אזא באַן נישט געווען באַרעכטיקט.

פאַרקער. — אין איצטיקן מאָמענט איז די פּאָסט דאָס איינציקע פאַרקער־מיטל וואָס איז צוגענגלאַך פאַר די קאָלאָ־ניסטן. דאָס אויסבויען פון טעלעפאָן־און טעלעגראַפ'ן לינען וואָלט געווען פון גרויס הילף אין דער אַנטוויקלונג און פאַר־וואַלטונג פון די קאָלאָניעס און עס איז די מיינונג פון דער קאָ־מיסיע, אז עס וואָלט זיך פולשטענדיק באַרעכטיקט אויף דעם דאָזיקן באַזיס.

## האַנדל און מערק.

האנדל און מערק זיינען פארבונדן מיט זייער קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען. אין מאנכע לענדער זיינען די פּראָבלעמען פארבונדן מיט איבער־פּראָדוקציע. רוסלאנד, ווי עס איז באוואוסט, גייט איצט דורך א פּעריאָד פון רעקאָנסטרוקציע. פארשיידענע נייע אינדוסטריען ווערן געבויט, די לאנדווירטשאפט ווערט אינדוסט־ריאַליזירט און דער האנדל און מערק ווערן אריינגעפּאסט אין׳ם אלגעמיינעם קאָאָפּעראטיוון סיסטעם פון דעם לאנד. די באדינ־גונגען מוז מען נעמען אין אכט אין פארבינדונג מיט דעם פאר־קויף פון די פּראָדוקטן פון בירא־בידזשאן.

אין וויטן מזרח הערשט א באזונדערס שטארקער מאנגל אין די אלע סחורות וואָס קאָנען פּראָדוצירט ווערן אין בירא בידזשאָן. כאבאראָווסק, א יונגע וואקסנדיקע שטאָט, וולאדיוואסטאק, און די פילע מינען־ און פישער־דערפער אין קאמטשאטקא און סאכאלין, אימפּארטירן אזעלכע נארונגס־מיטלען ווי תבואה, פּוטער, קעז, פלאנצן־פעט, פליש, עופות־פּראָדוקטן, פּרוכט קאָנסערוון און גרינסן. די דאָזיקע ארטיקלען ברענגען אריין פארהעלטנישמעסיק גרויסע פּרייזן און די מערסטע פון זיי קאָנען פּראָדוצירט ווערן מיט פּראָפיט אין בירא־בידזשאָן. פּראָדוקטן פון דער מילך־ווירטשאפט און האָלץ האָבן א זיכערן מארק אין יאפּאן. אזעלכע פּראָדוקטן ווי פלאקס־פעדים און סאָיא־באָב קאָנען פארקויפט ווערן אין די פאראייניקטע שטאָטן. פאר רייז איז פאראן א גרויסער פארלאנג, צו פארהעלטנישמעסיק הויכע פּרייזן, אין ראטן־פארבאנד גופא.

דאָס געפינען פון א מארק איז דער קלענסטער פּראָבלעם אין דער קאָלאָניזאציע פון בירא־בידזשאן. די הויפּט זאך איז צו פּראָדוצירן די סחורות; די מארק קאנאלן וועלן זיך שוין לייכט עפענען.

## ה י י ז ע ר

דאָס בויען פון הייזער פאר נייע איבערוואנדערער איז דער וויכטיקסטער טייל פון יעדער אַרבעט אין אַ קאָלאָניזאציע־פּלאַן,

און עס דאַרף אויך אַזוי זיין, ווייל דער הויפּט־צוועק פון קאָלאָניזאַציע איז דאָך איינצואָרדענען אַ היים.

שוין ביי דעם אָנהויב פון איר אַרבעט האָט די קאָמיסיע געקאָנט פעסטשטעלן, אַז די פאַרטרעטער פון די קאָלאָניזאַציע־אָרגאַנען שיינקען פיל אויפמערקזאַמקייט דער וואוינונגס־פּראָבלעם, און דערפאַר האָט די קאָמיסיע די דאָזיקע פּראָבלעם גענוי שטודירט. עס ווערן דאָ געמאַכט עקספּערימענטן מיט פאַרשידענע טיפּן הייזער, אָבער אין אַלגעמיין ווערן די הייזער געבויט פון אויסגעהאַקטע קלעצער, און די טירן, פענסטער און ראַמען ווערן געמאַכט מיט דער האַנט אויפ'ן פּלאַץ, וואו מען בויט די הויז. אויך דאָס זעגן פון די ברעטער ווערט געטאָן מיט דער האַנט. אין דער קאָלאָניע אַמורזעט זיינען באַמערקט געוואָרן הייזער פון פאַרשידענע טיפּן און פאַרשידענער גרויס, צווישן זיי אויך הייזער מיט ווענט פון ליימענע ציגל אָדער פון קלעצער איבערגעשניטן אין דער העלפט אָדער פון צוויי רייען ברעטער אינדערמיט אָנגעשטאָפּט מיט סטרוזשקעס. אין פיל פאַלן איז אוממעגלאַך צו בויען די הויז פאַר דער באַוויליקטער סומע געלט. די קאָמיסיע איז אינפאָרמירט געוואָרן, אַז די קאָסטן פון די הייזער גרייכן פון 650 רובל פאַר קלענערע הייזער, וואָס זיינען אפשר ניט אינגאַנצן פאַסיק, ביז איבער 1500 רובל פאַר גרעסערע און בעסער געבויטע, אַזוי אַז דער דורכשניט־קאָסט איז אַרום 1200 רובל פון אַ סך הכל פון 2000 רובל, וואָס יעדע פאַמיליע באַקומט אין דער פאָרם פון קרעדיטן. די גרויסע סומע אַרבעט און מאַטעריאַלן, וואָס ווערט באַנוצט ביים בויען פון הייזער, גיט אַ גוטע געלעגנהייט צו שטודירן די מעגלאַכקייטן פון איינפירן עקאָנאָמיע. פון דעם בוים אין וואַלד ביז צום פאַרטיקן הויז פאָדערט זיך ביי די איצטיקע מעטאָדן אָפט די אַרבעט פון אַ גאַנץ יאָר פאַר איין מענטשן, כדי די הויז אויסצובויען.

דער ערשטער שריט איינצופירן מער עקאָנאָמיע וואָלט געווען אויסצואַרבעטן סטאַנדאַרדיזירטע מאַטעריאַלן אין אַ צענטראַלן פונקט, וואָס אהין וואָלט מען געדאַרפט צופירן אַלע קלעצער. אויב דער טיפּ הייזער פון האַלבע קלעצער זאָל זיך אַרויסווייזן צופרידנשטעלנד, וואָלט געווען מעגלאַך צו זעגן די קלע־

צער אזוי, אַז זייער פֿאָרם זאָל זיין פֿון אַ סטאַנדאַרדיזירטער ברייט; די זייטן וואָלטן געקאָנט צוגעשפּיצט און אויסגעהוילט ווערן אזוי, אַז זיי זאָלן זיך ענג אַריינפּאַסן איינס אין צווייטן, כדי ניט דורכצולאָזן קיין וואַסער, און די אינעווייניקסטע זייט פֿון קלאָץ זאָל אָפּגעהיבליוועט ווערן מיט מאַשינען. דעם דאָזיקן סטאַנדאַרד־מאַטעריאַל וואָלט מען געקאָנט לייכט טראַנספּאָרטירן און דאָן אַריינבויען אין די ווענט, שפּאָרנדיק דערביי אַ סך אַרבעט. דורך דעם שפּאַלטן פֿון די קלעצער וואָלט מען אויך געקענט שטאַרק פֿאַרקלענערן די קוואַנטיטעט פֿון דעם נויטיקן מאַטעריאַל. דאָס אויסאַרבעטן פֿון סטאַנדאַרדיזירטע טירן, פֿענס־טער און ראַמען אין אַ גוט־אויסגעשטאַטעטער זעג־מיל וואָלט ניט נאָר שטאַרק פֿאַרמינערט די אַרבעט, נאָר זי וואָלט אויך פֿאַרשנעלערט דאָס בויען פֿון די הייזער.

די קאָמיסיע ווייסט גאַנץ גוט, אַז די הייזער, וואָס ווערן איצט געבויט, שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ טיפּ, וואָס איז שוין אויס־געפּרואווט געוואָרן דורך דער ערפֿאַרונג און אַז ער פּאַסט זיך אַריין אין די קלימאַטישע באַדינגונגען פֿון׳ם לאַנד. דאָס אָפּווייכן פֿון אַ בוי־טיפּ, מיט וועלכן די אָרטיקע באַפֿעלקערונג איז באַ־קאַנט, איז תמיד פֿאַרבונדן מיט שוועריקייטן, אָבער עס וואָלט זיך זיכער געלוינט צו שטודירן און אויסצופּראַוון הילצערנע הייזער פֿון ברעטער מיט אינעווייניקסטע און דרויסנדיקע ווענט און דער חלל צווישן. די ווענט זאָלן אָנגעפּילט ווערן מיט אַ ביליקן איזאָלירנוגס־מאַטעריאַל. די אַרבעט צו טראַנספּאָרטירן די ברעטער פֿון אַ זעג־מיל איז גרינגער, די קוואַנטיטעט פֿון מאַטעריאַלן וואָלט זיך באַדייטנד פֿאַרקלענערט און די אַרבעט און צייט וואָלט געקענט רעדוצירט ווערן צו אַ קליינעם טייל דערפֿון, וואָס ווערט אַוועקגעגעבן איצט פֿאַר די הייזער, וועלכע מען בויט פֿון געשפּאַלטענע קלעצער. אויף אָנצופּילן די ווענט קאָן מען זיך באַנוצן מיט זעגאַכץ, מאָך אָדער אַפֿילו שטרוי. עס וואָלט געווען ווינטשנסווערט צו נוצן בוי־פּאַפּיר, כדי די לופֿט זאָל ניט קאָנען דורכדרינגען די ווענט. דער פֿאַקט, וואָס אַזאַ הויז איז שוין אויסגעבויט געוואָרן און איז צופֿרידנשטעלנד, גיט דער קאָמיסיע גרונט צו רעקאָמענדירן, אַז מען זאָל דעם

דאָזיקן טיפּ ווייטער אויספּרואוון. מ'וואָלט אויך געקענט שפּאָרן אַרבעט, ווען מען זאָל באַנוצן פאַר די דעכער ברעטער אָדער גאַנטעס געמאַכט אין זעג־מילן.

די קאָמיסיע פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז עס איז ניט מעגלאַך באַדייטנד צו פאַרגרעסערן די קאָסטן פון די הייזער פאַר די קאָ־לאָניסטן. פונדעסטוועגן דענקט זי, אַז אַ פּאָר שטיקלאַך איינפאַ־כע און ביליקע מעבל וואָלטן פיל פאַרגרעסערט די באַקוועמלאַכ־קייט פון די איבערוואַנדרערער. עס וואָלט זיך אויך באַרעכטיקט צו מאַכן ווענטלאַך, כדי צו צעטיילן די צימערן, און מאַכן די וואוינונגען היימלאַכער. סיעטקעס אין די טירן און פענסטער זיינען אומבאַדינגט נויטיק צוליב סאַניטאַרע אורזאַכן און כדי ניט צוצולאָזן די מאָסקיטאָס.

דער געמויערטער אויוון איז אומעטום איינגעפירט און, ווייזט אויס, מיט גוטע רעזולטאַטן. די קאָמיסיע דענקט אָבער, אַז עס וואָלט זיך געלוינט אויסצופּרואוון אַ פיר־עקיקן אייזערנעם אויוון, וואָס אַלע פיר זייטן ווערן אָנגעהיצט, כאָטש עס איז קלאָר, אַז אין אַזאַ אויוון זאַמלט זיך ניט אָן אַזאַ גרויסער רעזערוו פון היץ ווי אין די געמויערטע אויוונס.

## סאַניטאַרע איינריכטונגען

ווען גרעסערע מאַסן מענשן קומען זיך צוזאַמען אין לאַ־גערן אָדער נייע קאָלאָניעס, ליגט אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלאַכ־קייט אויף די פאַרוואַלטער. זיי דאַרפן איינפירן אַזעלכע סאַני־טאַרע איינריכטונגען, וואָס זיינען נויטיק, כדי צו באַשיצן דעם געזונט. די דערפאַרונג האָט באַוויזן, אַז די פאַרזאַמלטע אַליין וועלן דאָס ניט טאָן, סיי צוליב נאַכלעסיקייט, סיי צוליב אומ־וויסנקייט, און עס איז די אויפגאַבע פון דער פאַרוואַלטונג צו זאָרגן פאַר די געהעריקע סאַניטאַרע באַדינגונגען.

שטיצנדיק זיך אויף דער מאָדערנער וויסנשאַפט, ווי אַזוי קראַנקהייטן און באַזונדערס מאָגן־קראַנקהייטן ווערן פאַרשפּרייט דורך פליגן, מוז מען זייער שטרענג פאַראורטיילן אַזאַ צושטאַנד, וואו מענטשלאַכע עקסקרעמענטן ווערן געלאָזן פריי אַזוי, אַז פליגן און פאַרשידענע אינסעקטן קאָנען צו זיי האָבן אַ צוטריט.

די זעלביקע פליגן פליען דערנאָך אין די קיכן און אין די עס־צימערן. מען מוז איינפירן דאָפּלטע שוצמיטלען. די אָפּטריטן דאַרפן אַזוי געבויט ווערן, אַז אַלע עקסקרעמענטן זאָלן זיין צו־געדעקט און צו דער זעלבער צייט זאָלן די אָפּטריטן רעגלמעסיק גערייניקט ווערן מיט קאַלך. די צימערן, וואו מען גרייט צו און וואו מען גיט דאָס עסן, דאַרפן זיין באַשיצט געגן די פליגן מיט מעטאַל־נעצן.

אויף ווי ווייט עס איז נאָר מעגלאַך דאַרף מען זען צו פאַר־מיידן, עס זאָלן זיך ניט שאַפן קיין פליגן. די קאָמיסיע פאַר־שטייט גאַנץ גוט, אַז דאָס איז אַ שווערער ענין אין דאָרפישע געגנטן. אין די מאָדערנע שטעט, וואו עס ווערט קאָנטראָלירט דאָס באַזייטיקן פונ׳ם שמוץ און אָפּפאַל, איז שוין געלונגען כמעט אינגאַנצן צו פאַרמיידן דאָס שאַפן זיך פון פליגן.

די נייע ברונימער אין די קאָלאָניעס זיינען זייער גוט באַ־שיצט אַזוי, אַז דאָס וואַסער פון דער אויבערפלאַך זאָל ניט אריינ־רינען. אָבער אין די אַלטע קאָלאָניעס זיינען אַזעלכע איינריכ־טונגען ניט באַמערקט געוואָרן.

## ספּעציעלע שוועריקייטן

יעדע פּיאָנער־ארבעט איז פאַרבונדן מיט שוועריקייטן, וואָס מען מוז זיי בייקומען. מענטשן, וואָס וואַנדערן איבער פון אַ וואַרימען קלימאַט אין אַ קאַלטן, זיינען באַזונדערס עמפּינדלאַך אויף קאַלטע ווינטערן. די יעניקע, ווידער, וואָס וואַנדערן אי־בער פון אַ קעלטערן קלימאַט אין אַ וואַרימערן, באַקלאָגן זיך אויף די הייסע זומערס.

עס איז דערפאַר נויטיק, אַז מענטשן, וואָס וואַנדערן איבער אין פּלעצער מיט אַן אַנדערן קלימאַט, זאָלן זיין באַזאָרגט מיט דעם מינימום באַקוועמלאַכקייט אין פּרט פון וואוינונג און קליי־דונג. אויב מען טוט דאָס, וועט מען זייער לייכט קאָנען ביי־קומען די ווירקונגען פון דער ענדערונג.

מען טאָר ניט פאַרגעסן, אַז ביראָ־בידזשאַן, פּונקט ווי יעדע נייע לאַנד, האָט געוויסע שוועריקייטן, אויף וועלכע די איבער־

וואַנדערער האָבן זיך ניט אָנגעשטויסן אין די ערטער, פון וואַנען זיי קומען. איינע פון די שוועריקייטן, וועגן וועלכער עס איז אַ סך גערעדט געוואָרן, איז די אָנוועזנהייט פון קאָמאַרעס און אַנדערע אומאַנגענעמע אינסעקטן, מיט וועלכע עס איז פול דער ווייטער מזרח, פונקט אַזוי ווי אַלע לענדער, וואָס האָבן אין זו־מער שטאַרקע רעגנס, צוליב וועלכע עס שאַפט זיך אַ סך פייכט־קייט און אַ רייכע וועגעטאַציע אין דער ברי־צייט פון די אינסעקטן.

די קאָמיסיע האָט זיך פּערזענלאַך באַקאַנט מיט די קאָמאַ־רעס, גנוס, און אַלע אַנדערע מינים פליגן, וואָס דערגייען די יאָרן סיי די מענטשן, סיי די בהמות. פונדעסטוועגן איז דאָ גאָרניט געפונען געוואָרן אַזעלכעס, וואָס מען האָט שוין ניט אָנגעטראָפן אין פילע אַנדערע פלעצער, און הגם די איבערוואַנ־דערער מוזן זיך רעכענען דערמיט, וועלן אָבער די פליגלאַך פאַר־שווינדן מיט דער איינפירונג פון דרענאַזש און מיט דער אויפ־אַקערונג פונ׳ם באָדן. שוין היינט קאָן מען פאַרמינערן זייערע „אַטאַקעס”, ווען מען זאָל איינפירן אין די הייזער נעצן און אַנדערע באַשיצונגס־מעטאָדן.

## רעקאָמענדאַציעס

דורך דער גאַנצער צייט פון דער אויספאָרשונג האָט אויף דער קאָמיסיע געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק די ערנסטקייט און איבערגעבנקייט פון אַלע באַאַמטע און אָרגאַנען פון דער רעגירונג פון סאָוועטנפאַרבאַנד אין פאַרבינדונג מיט דער קאָלאָניזאַציע פון בירא־בידזשאַן. וואו נאָר די קאָמיסיע איז געקומען, איז זי באַגעגנט געוואָרן מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט און עס איז איר געגעבן געוואָרן יעדע מעגלאַכקייט דורכצופירן אַ גרינד־לאַכע און אומפּאַרטייאישע אויספאָרשונג פון די נאַטירלאַכע באַ־דינגונגען און רייכטימער פונ׳ם לאַנד.

אויפ׳ן באַזיס פון שטודיום פון די פיזישע באַדינגונגען מאַכט די קאָמיסיע די פאָלגענדע רעקאָמענדאַציעס:

1) דרענאַזש. — די קאָמיסיע באַטראַכט דרענאַזש אַלס דעם פונדאַמענטאַלן פאַרבאַדינג פאַר אַן ערפאָלגרייכער לאַנד־

ווירטשאַפט אין בירא בידזשאַן. די פּראָבלעם מוז פאַרענט־פערט ווערן אויף אַ סיסטעמאַטישן און אַנטשידענעם אופן מיט אַנטשפּרעכענדע פּלענער וואָס זאָלן ארומנעמען גרויסע שטרע־קעס. דעטאַלע רעקאָמענדאַציעס זיינען געמאַכט געוואָרן אינ׳ם טעקסט פונ׳ם באַריכט.

2) טראַנספּאָרט און פאַרקער. — פּונקט אַזוי ווי אין אַלע אַנדערע פּיאָנער לענדער פעלן אויך אין בירא בידזשאַן וועגן און אַנדערע טראַנספּאָרט מיטלען. דאָס בויען פון די וועגן דאַרף דורכגעפירט ווערן אויף אַ מאָדערנעם אופן און הויפּטזעכלאַך פון מאַטעריאַלן וואָס געפינען זיך נאָענט ביי דער האַנט. די ערד אויבערשיכט וואָס אַנטהאַלט אַ סך פייכטקייט דאַרף באַזייטיקט ווערן וואו עס איז נאָר מעגלאַך, איידער דער בעסערער וועג מאַטעריאַל ווערט דאָרט אוועקגעלייגט. אַלס די בעסטע מעטאָדן כדי צו באַזאָרגן גוט עררד וועגן ווערט רעקאָ־מענדירט זייטן־דרענאַזש, גלאַט מאַכן די אויבערפלאַך און רעגל־מעסיק אָפּשאָבן דעם וועג.

עס וואָלט געווען זייער ווינשענסווערט, אַז יעדע קאָלאָ־ניע זאָל האָבן אַ טעלעפאָן פאַרבינדונג מיט דעם הויפּט קאָנ־טאָר.

3) לאַנד רייניקונג. — דאָס צוגרייטן דעם באָדן דורך אויסקאָרטשעווען דו קוסטעס און פּעניעס, פאָדערט אַ סך האַנט־אַרבעט צוליב דער פאַרשידנקייט פון די באַדינגונגען וועלכע מען באַגעגנט דאָ. אָבער די קאָמיסיע איז מיט דער מיינונג, אַז מאַנכע פון די שווערע טראַקטאָרס וואָלטן געקאָנט באַנוצט ווערן פאַר אויסקאָרטשעווען די שווערערע פּעניעס און צוזאַ־מענלייגן זיי אין הויפנס. ווען מען זאָל זיך באַנוצן פאַר דעם ערשטן איינברעכן פונ׳ם באָדן מיט ספּעציעלע פּלוגן פאַר קאָר־טשעווען וואָלט דאָס ניט נאָר פאַרקלענערט די סומע האַנט־אַרבעט וואָס פאָדערט זיך פאַר קאָרטשעווען די וואָרצלען פון די קלענערע בוימער, נאָר עס וואָלטן אויך ווייניקער צובראָכן גע־וואָרן די געוויינלאַכע פּלוגן, וועלכע מען באַנוצט פאַר׳ן איינ־ברעכן דעם דאָזיקן באָדן. אין פאַלן ווען מען רייניקט אָפּ

לאנד וואָס איז באַדעקט מיט בוימער קאָן מען אָפּט פיל לייכ־
טער באַזייטיקן די פּעניעס צוזאַמען מיט די בוימער אויף
אַזאַ אופן וואָס מען שניידט אויף די וואָרצלען און מ'שלעפּט
אַרויס די בוימער מיט אַ טראַקטאָר. די קאָמיסיע רעקאָמענדירט
דורכצופירן אַזאַ עקספּערימענט.

וואוינונגען. — די גרויסע סומע ארבעט און מאַטעריאַל
וואָס ווערן איצט באַנוצט אינ'ם בויען פון הייזער פאַר און פון
די קאָלאָניסטן אין בירא בידזשאַן, איז באַזונדערס פּאַסיק פאַר
דער איינפירונג פון עקאָנאָמישע מעטאָדן און ביליגערע טיפּן
פון הייזער. שטיצנדיק זיך אויף דער אינפאָרמאַציע, אַז עס
ווערט איינגעאָרדנט אין דער נאָענטער צוקונפט אַ זעג־מיל און
אַ האָלץ־באַארבעטונגס פאַבריק, ווערן געמאַכט די פאָלגנדע רע־
קאָמענדאַציעס:

א) דער מאַטעריאַל פאַר דעם הייזער טיפּ פון האַלבע
אָדער געשפּאַלטענע קלעצער, וועלכע ווערן איצט גענוצט, וואָלט
געקאָנט אויסגעאַרבעט ווערן אין אַ זעג־מיל אין אַ באַשטימטן
צענטראַלן פונקט, און דאַן אַריבערגעפירט ווערן אין די דער־
פער און אַריינגעבויט אין די הייזער. דערביי וואָלט מען גע־
קאָנט שפּאָרן אַ סך צייט. ווען מען זאָל שניידן די קלעצער
אַזוי, אַז זייער ברייט זאָל זיין אַן איינהייטלאַכע און ווען מען
זאָל זיך באַנוצן מיט אַ פאַראיינפאַכטן זייטן־שלאָס, וואָלט מען
די קלעצער געקאָנט אַריינבויען מיט זייער ווייניק אַרבעט. פאַר
די ווענט וואָלט מען די קלעצער געדאַרפט אַזוי אויסאַרבעטן,
אַז די שאַרפע ברעגעס פון איין קלאָץ זאָלן זיך אַריינפּאַסן אין
די אויסגעהוילטע פלעצער פון צווייטן קלאָץ, כדי עס זאָל ניט
קאָנען דורכרינען קיין וואַסער, און אינווייניק זאָלן זיי אָפּגע־
היבלעוועט ווערן גאַנץ גלאַט, אויב מען וויל די ווענט ניט
קאַלכן.

ב) סטאַנדאַרדיזירטע טירן, פענסטער און טיר ראַמען
דאַרפן אויסגעאַרבעט ווערן אין אַ צענטראַלן פונקט און אַרי־
בערגעפירט ווערן אין די קאָלאָניעס. ביי אַן אַנטשפּרעכענדער
אויסשטאַטונג קאָן מען רעדוצירן די אַרבעט וואָס פאָדערט זיך

אויף צו פראָדוצירן די דאָזיקע אַרטיקלען צו אַ קליינעם טייל פון דער אַרבעט, וואָס פאָדערט זיך פאַר האַנט פּראָדוקציע און צו דער זעלבער צייט וואָלט די קוואַליטעט פונ'ם פּראָדוקט באַדייטענד פאַרבעסערט געוואָרן. ווען מען וועט זיך באַנוצן מיט האָלץ וואָס איז אויסגעאַרבעט אין אַ זעג־מיל, וועט דאָס העכערן די קוואַליטעט פון די הייזער און באַזונדערס פון די פאָדלאָגעס און סטעליעס. דאַך־ברעטער אָדער גאָנטעס קאָנען אויסגעאַרבעט ווערן אין דער מיל און דאַן אַריבערגעפירט ווערן פּאַרטיקעראַהייט צו די נײַ־געבויטע הייזער. אויך דאָס וועט איינשפּאָרן אַ סך אַרבעט.

3) אַזוי ווי ווענט וואָס מען בויט פון ברעטער קאָנען געמאַכט ווערן מיט אַ סך ווייניקער מאַטעריאַל און מיט אַ גרויסער עקאָנאָמיע פון אַרבעט, רעקאָמענדירט די קאָמיסיע, אַז מען זאָל מאַכן אַזאַ עקספּערימענט ביים בויען די נײַע הייזער. די ווענט קאָנען איזאָלירט ווערן מיט ביליגע און פּאַסיקע מאַטעריאַלן, אַזעלכע ווי זעגאַכץ, סטרוזשקעס, אָדער אַפילו מאָך אָדער שטרוי, כדי צו באַשיצן די איינוואוינער געגן דעם שאַרפן קלימאַט. די פּלענער פון וואוינונגען פאַר קאָלאָניסטן דאַרפן שטודירט ווערן אונטער'ן געזיכטס־פּונקט פון איינפירן וואָס מער באַקוועמלאַכקייט, היימלאַכקייט און סאַניטאַרע איינריכטונגען. טראָץ דעם וואָס די קאָמיסיע פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז עס זיינען פאַראַן באַשטימטע גרענעצן צו די אויסגאַבן פאַר הייזער, מוז מען אָבער זאָגן, אַז מאַנכע זייטיקע זאַכן פאַרוואַנדלען זיך כמעט אין הויפּטזאַכן, ווען מען באַטראַכט זיי פונ'ם שטאַנדפּונקט וואָס עס איז דער הויפּט־ציל פון דער קאָלאָניזאַציע. צוליב דעם רעקאָמענדירט די קאָמיסיע נעצן פאַר טירן און פענסטער, ווענטלאַך אין די צימערן, איינפאַכע ביליקע מעבל און גוט באַשיצטע און גערייניקטע אָפּטריטן.

4) אין איצטיקן מאָמענט ווערט כמעט דער גאַנצער געוויכט געלייגט אויף די הייזער פאַר די קאָלאָניסטן. אויב די קאָלאָניזאַציע זאָל זיין אַן ערפאָלג, מוז מען אויך שענקען אויפמערקזאַמקייט צו די וואוינונגען פאַר די בהמות און עופות און פאַר דער אויסשטאַטונג.

5) סאַניטאַרע איינריכטונגען. — ווען מען האָט צו טאָן מיט אַזעלכע מענטשן גרופּן, ווי צוקונפטיקע קאָלאָניסטן, טראָגט מען אויף זיך אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלאַכקייט פאַר זייער געזונט. די ערפאַרונג האָט געלערנט, אַז אַ געוויסער טייל פון סאַניטארע איינריכטונגען מוז איינגעפירט ווערן דורך דער פאַרוואַלטונג. ווען מען נעמט אין אַכט די דערפאַרונגען פון דער היינטיקער וויסנשאַפט וועגן דעם, ווי אַזוי קראַנקהייטן און באַזונדערס מאָגן־קראַנקהייטן ווערן פאַרשפּרייט, איז ניטאָ קיין שום אַנטשולדיקונג דערפאַר, אַז די מענטשלאַכע עקסקרעמענטן זאָלן איבערגעלאָזן ווערן אָפן, אַזוי אַז פליגן זאָלן צו זיי האָבן אַ פרייען צוטריט. די זעלבע פליגן פליען דאַן אין די קיכן און עס־צימערן. שפּייז און וואַסער מוזן זאָרגפעלטיק באַשיצט ווערן געגן פאַראומרייניקונג. די שלאָף־צימערן מוזן אָפט און גרינטלאַך דעזינפעצירט ווערן.

עס ווערט רעקאָמענדירט, אַז די רעגולירונג און אויפזיכט איבער די סאַניטארע איינריכטונגען זאָל איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון אָרגאַנען, וואָס זיינען דירעקט פאַראַנטוואָרטלאַך צו דער פאַרוואַלטונג און זיי זאָלען האָבן די געהעריקע אויטאָריטעט שנעל און גרינטלאַך דורכצופירן די נויטיקע סאַניטאַרע מאָס־מיטלען.

6) אינדוסטריע. — די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע אין בירא בידזשאַן מוז זיך שטיצן אויף די נאַטירלאַכע רעזערוון פון די רוי־מאַטעריאַלן וואָס זיינען דאָרט פאַראַן און אויף די רוי־מאַטעריאַלן וואָס וועלן פּראָדוצירט ווערן אין דער לאַנדווירטשאַפט. די רוי־מאַטעריאַלן וואָס זיינען תיכף פאַראַן זיינען וואַלד־פּראָדוקטן און עס וואָלט געווען ראַטזאַם, אַז דער אָנהויב פון דער אינדוסטריע זאָל געמאַכט ווערן מיט זעגמילן. אויסשטאַטונג פאַר אַזאַ פאַבריק איז שוין פאַראַן. די קאָלאָניעס נויטיקן זיך זייער שטאַרק אין אַזעלכע פּראָדוקטן און אויסגעאַרבעטע מיל פּראָדוקטן און מעבל וועט מען קענען לייכט פאַרקויפן אין גרויסע קוואַנטיטעטן אומעטום אין וויטן מזרח. די דאָזיקע אינדוסטריען קאָנען אויסגענוצט ווערן כדי צו באַ־

זאָרגן די ערד־אַרבעטער מיט אַרבעט אין ווינטער און אין אַנדערע ציַיטן ווען עס איז ניט מעגלאך צו באַארבעטן דעם באָדן.

מען דאַרף אויך אויספאָרשן וועלכע פּראָדוקטן עס קאָנען געמאַכט ווערן פון וואַלד מאַטעריאַלן און צוטרעטן צו דער אַר־בעט אַזוי שנעל ווי מעגלאך. אין דעם צוזאַמענהאַנג ווערט גע־צויגן די אויפמערקזאַמקייט אויף סמאָלע, האָלץ, קוילן און ענלאַ־כע פּראָדוקטן.

אין געגענטן וואו עס איז פאַראַן קאַלך שטיינער אָדער מאַרמאָר און זיי געפינען זיך נאָענט צום וואַלד אָדער צו אַנ־דערע הייץ־שטאָפן דאַרף מען נעמען אין אַכט די פּראָדוקציע פון קאַלך.

מיט דער אַנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט וועט מען זיך נויטיקן אין פיל אינדוסטריעס וואס זיינען מיט איר פאַר־בונדן און מען דאַרף דאָס באַציַיטנס פּלאַנירן. דאָ דאַרף מען דערמאָנען: א) מילך פּראָדוקטן ווי פּוטער און קעז, ב) דאָס מאָלן פון ווייץ און רייז און ג) דאָס אויסאַרבעטן פון סאיא באָב פּראָדוקטן, פעט פון זאמען, פון זון בלומען און וועב־פּראָדוקטן פון פלאַקס.

7) מאַשינעריע. — די קאָמיסיע וויל ציען די באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט דאַרויף, אַז מאַשינעריע אַליין פאַרענטפערט ניט קיין שום פּראָבלעם פון פּראָדוקציע. כאָטש זי איז פון דער גרעסטער וויכטיקייט האָט אָבער די מאַשינעריע נאָר אַ באַ־דייטונג אַלס אַ מיטל צוצושטעלן קראַפט צו פאַרשידענע פּראָ־דוקציאָנס אונטערנעמונגען און דאָס נאָר דאַן ווען, זי איז אַריינ־געפּאַסט אין אַ וויסנשאַפטלאַך אויסגעאַרבעטן פּראָגראַם פון פּראָדוקציע.

עס ווערט רעקאָמענדירט, אַז בשעת אויסוואַל פון מאַשינען זאָל מען זיך באַנוצן מיט פאָלגנדע פּרינציפּן:

א) אַז אַזעלכע מאַשינען זאָלן אויסגעקליבן ווערן וואס זיינען אַמבעסטן צוגעפּאַסט צו דער אַרבעט, וועלכע עס פאָדערט זיך פון זיי. מיט אַנדערע ווערטער, דער ציל דאַרף זיין די אַר־בעט און ניט די מאַשין.

ב) עס מוז קאָאָפּערירט ווערן די אַרבעט צווישן דער קראַפט סטאַנציע און די מאַשינען און צוגעפּאַסט ווערן צו יעדן פּעריאָד און יעדן טיפּ פון דער תבואה פּראָדוקציע. צום ביי־שפּיל אַ טראַקטאָר וואָס מען קאָן אים דערפאָלגרייך באַנוצן פאַר אַקערן קאָן אַמאָל זיין ניט דער בעסטער, אויב ער איז נישט צוגעפּאַסט צו זייען און צום שניט.

אין אַלגעמיין מוז באַמערקט ווערן, אַז די פּראַקטיק פון באַ־נוצן די זעלבע מאַשינען, סיי פאַר אויסבילדן טראַקטאַריסטן און טראַקטאָר מעכאַניקער, און סיי פאַר די פעלד ארבעטן, איז ניט געווען דערפאָלגרייך. כאָטש עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס אויס־בילדן פון טראַקטאָריסטן איז דורכגעפירט געוואָרן מיט אַ באַ־דייטענדן דערפאָלג, קאָן מען אָבער זען פון'ם אַלגעמיינעם צו־שטאַנד פון דער אויסשטאַטונג, אַז זי האָט געליטן דערפון וואָס מען האָט זי גענוצט פאַר פאַרשידענע צוועקן. מיט אַנדערע ווערטער, דער דערפאָלג פון פיינער און טייערער מאַשינעריע הייננגט אָפּ פון דער פאָרזיכטיקייט מיט וועלכער זי ווערט באַ־האַנדלט דורך ערפאַרענע מעכאַניקער. פון דער אַנדערער זייט, קאָן מען דורכפירן דערפאָלגרייך דאָס אויסבילדן פון טראַקטאָ־ריסטן, ווען מען זאָל אויסטיילן ספּעציעלע מאַשינען פאַר דעם צוועק.

מען דאַרף אויך האָבן אין זינען, אַז געוויסע אויסשטאַטונג, ספּעציעל טראַקטאָרס, קאָנען באַנוצט ווערן פאַר אַנדערע צוועקן אַ חוץ פאַר לאַנדווירטשאַפטלאַכער אַרבעט, און אויף דעם אופן קאָן מען זיי נוצן אַ גאַנץ יאָר און מען קאָן פאַרבינדן פאַרשי־דענע אַרבעטן: פעלד ארבעט, שניידן און שלעפּן קלעצער, און דער בוי פון וועגן, קאָנען אַלע גענומען ווערן אין אכט ביים אויסקלייבן געוויסע שווערע טראַקטאָרס.

8) לאַנדווירטשאַפטלאַכע קולטורן. עס פעלן ניט קיין גאָרטן פּלאַנצן, וועלכע מען וואָלט געקאָנט קולטיווירן, אַזוי אַז די איבערוואַנדערער זאָלן האָבן אַלע גרינסן וועלכע זיי וועלן נאָר וועלן, אָבער פילע קאָלאָניסטן באַנוצן זיך ניט מיט דער גינ־סטיקער לאַגע און זיי פאַרמאָגן נישט קיין גוטע גערטנער. די

קאָמיסיע האָט באמערקט, אַז דערווייל ווערן נאָך ניט פּראָדוצירט אַזעלכע תבואות וואָס מען קאָן פאַרקויפן מחוץ די קאָלאָניעס, אויף אַ קאָמערציעלן אופן. די קאָמיסיע איז מיט דער מיינונג, אַז אַזאַ קאָמערציעלע פּראָדוקציע דאַרף אָנגעהויבן ווערן אַזוי שנעל ווי מעגלעך.

דער נאַסער וועטער אין דער צייט פון שניט איז אַ שטער־רונג פאַר אַ ברייטער ווייץ־פּראָדוקציע, אָבער עס קאָן פּראָדוצירט ווערן גענוג אויף צו באַפרידיקן די לאָקאַלע באַדערפעניש. די קאָמיסיע רעקאָמענדירט, אַז אין קומענדיקן יאָר זאָל דורכגעפירט ווערן אַ פּראָגראַם פון ווייץ־פּראָדוקציע וואָס זאָל באַפרידיקן די ברויט־באַדערפענישן פון אַלע קאָלאָניסטן. אַזעלכע סאָרטן תבואה וואָס ווערן רייף שפּעטער זיינען מער דערפאָלגרייך. רעטשקע וואַקסט זייער גוט אָבער דער פאַרלאַנג דערפאַר איז ניט אַזוי גרויס.

וואָרצל־פלאַנצן און קאַרטאָפל וואַקסן גוט אָבער אַלס מאַרק קומט נאָר אין אַכט די באַפרידיגונג פון די לאָקאַלע באַדער־פענישן.

אַזעלכע גרינסן ווי אַרבעס, באָב און סאָיא באָב וואַקסן גאַנץ גוט און וועלן מסתמא זיך אַנטוויקלען צו אַ וויכטיקער פּראָ־דוקציע. די קאָמיסיע דיינקט, אַז סאָיא באָב איז איינע פון די אַממערסטן פאַרשפּרעכנדע פלאַנצן פאַרן גאַנצן געגנט.

די רייז־פּראָדוקציע פאַרשפּרעכט זייער גרויסע רעזולטאַטן דאָרט וואו עס זיינען פאַראַן פּאַסיקע באַוואַסערונג־מעגלאַכקייטן און וואו עס איז ניט פאַראַן קיין אירינגאַציע־וואַסער קאָן מען איינפירן דעם טרוקענעם סאָרט.

באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט ווערט געצוויגן צו דער נוי־טיקייט פון מער פאַשע אַלס באַזיס פאַר דער פיצוכט־אינדוסטריע.

9) פיצוכט. — די קאָמיסיע איז מיט דער מיינונג, אַז צו דעם דערפאָלג פון דער ביראָ־בידזשאַנער קאָלאָניזאַציע וועט אַ סך ביייטראָגן די איינפירונג פון דער פיצוכט־אינדוסטריע. מען דאַרף אַזוי שנעל ווי מעגלאַך אַנטוויקלען מילך־קי, שאָף, חזירים און עופות, כדי די תבואות, וועלכע קאָנען ניט טראַנס־פּאָרטירט ווערן אויף ווייטע שטרעקעס, זאָלן קאָנען פאַרוואַנדלט

ווערן אין קאָנצענטרירטע פּראָדוקטן. פּיצוכט באַרייכערט אויך דעם שפּייזצעטל פון די קאָלאָניסטן.

די בינען־צוכט האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן צו זיין זייער פּראָפיטאַבל און די האָניק־פּראָדוקציע קאָן באַדייטנד אויסגע־ברייטערט ווערן.

## אָרגאַניזאַציע

די געוואַלדיקע באַדייטונג פון צענטראַליזירטער פּאַרוואַל־טונג אין דעם אָנפירן מיט גרויסע געשעפטלאַכע און אינדוס־טריעלע אונטערנעמונגען איז ניט איינמאָל באַוויזן געוואָרן אין די לעצטע יאָרן. אין אַ געוויסן זין קאָן די קאָלאָניזאַציע באַ־טראַכט ווערן אַלס אַ ריזיקע געשעפטלאַכע אונטערנעמונג. און אין אמת'ן, עס איז איינע פון די שווערסטע אונטערנעמונגען וואָס מען קאָן זיך פאָרשטעלן, ווייל זי פאָדערט ניט נאָר די דורכפירונג פון אַלע געוויינלאַכע געשעפטס־טיפּן, נאָר מען האָט אויך צו טאָן מיט די פאַרשיידנסטע מענטשן און מיט ענינים וואָס האָבן פאַר זיי אַ לעבנס־וויכטיקייט — דאָס עטאַבלירן פון היימען און אַנטוויקלען פּרנסה־מעגלאַכקייטן.

די פּראָבלעם ווערט קאָמפּליצירט דורך דעם וואָס אַחוץ דעם קאָלאָניסט איז אַ גאַנצע ריי אָרגאַנען פאַרבונדן מיט דער אַרבעט. זיי אַלע מוזן באַשיצט ווערן, יעדער אין זיין געביט און קיינעמס רעכט טאָרן ניט פאַרנאַכלעסיקט ווערן. אַנדערש ליידט די גאַנצע אַרבעט און זייער אָפט באַשאַפט זיך אומצו־פרידנקייט. כדי צו דערגרייכן בעסערע רעזולטאַטן און כדי פון דער אַנדערער זייט צו באַשיצן אַלע פאַראינטערעסירטע טיילן, דיינקט די קאָמיסיע, אַז די בעסטע רעזולטאַטן קאָנען דערגרייכט ווערן ווען די קאָלאָניזאַציע פון בירא־בידזשאַן זאָל געשטעלט ווערן אונטער אַ צענטראַליזירטער פאַרוואַלטונג, וועלכע זאָל ווידער זיין פאַראַנטוואָרטלאַך דירעקט צו דער רעגירונג און צו אַנדערע אָרגאַנען, וואָס ווילן זיך דערקלערן גרייט מיטצו־העלפן אין דער קאָלאָניזאַציע אַרבעט.

## דער אופן פון קאָלאָניזאַציע

אויפן גרונט פון דער אויספאָרשונג פון די באַדינגונגען אין בירא־בידזשאַן און פונם מענטשלאַכן מאַטעריאַל וואָס קומט אין אַכט פאַר דער קאָלאָניזאַציע, מאַכט די קאָמיסיע פאָלגנדע פאָרשלאָגן:

1) אַז די פאַרוואַלטונג וואָס איז אויבנאָנגעמערקט געוואָרן זאָל אויסאַרבעטן אַן אַלגעמיינעם פּלאַן פאַר דער קאָלאָניזאַציע אין בירא־בידזשאַן און פאַר די איינצלנע קאָלאָניעס און אויך אָנפירן מיט דער אַרבעט.

2) אַז איידער עס ווערט אויסגעטיילט לאַנד פאַר קאָלאָניזאַציע זאָל געמאַכט ווערן אַ גרינטלאַכע אויספאָרשונג פונם באָדן, וואַסער, פון די מעגלאַכקייטן פון פאַרפליייצונגען, די לייכטקייט פון קאָרטשעווען דעם באָדן, די מעגלאַכקייטן פון דרענאַזש און אַלע אַנדערע פיזישע אייגנשאַפטן וואָס קאָנען באַשטימען דעם דערפאָלג אָדער דורכפאַל פון אַ קאָלאָניע. אויב מען זאָל צו שנעל באַזעצן אַ שטיק לאַנד וואָס איז ניט פּאַסיק פאַר קאָלאָניזאַציע, קאָן דאָס פאַראורזאַכן שווערע ליידן צו די קאָלאָניסטן און אַ גרויסן פאַרלוסט פאַר די קאָלאָניזאַציע־אָרגאַנען. מען מוז אויך נעמען אין אַכט ווי לייכט מען קאָן צוקומען צום פּלאַץ און צי די געגנט וועט זיך קאָנען אויסברייטערן.

3) אַז די צענטראַלע פאַרוואַלטונג זאָל דורכפירן די צוגרייטונג־אַרבעטן פון קאָרטשעווען און באַוואַסערן דעם באָדן, פון בויען הייזער, מאַכן וועגן און אַקערן דעם באָדן, און אַז אויף ווי ווייט מעגלאַך זאָלן אַלס אַרבעטער באַנוצט ווערן די צוקינפטיקע קאָלאָניסטן. אַזוי שנעל ווי די אַרבעטער וועלן באַווייזן, אַז זיי האָבן די נויטיקע ערפאַרונג, זאָל מען זיי איבערגעבן די ווירטשאַפטן, וואָס זיינען צוגעגרייט געוואָרן.

4) אַז איבערוואַנדערער וואָס האָבן ניט קיין פריערדיקע ערפאַרונג אין ערד־אַרבעט זאָלן ניט באַזעצט ווערן אויף לאַנד ביז זיי האָבן ניט אָפּגעאַרבעט אַלס ערד־אַרבעטער אַ שטיקל צייט. דאָס וועט זיי געבן די נויטיקע ערפאַרונג. די צייט וואָס

זיי וועלן דארפן אַרבעטן אַלס ערד־אַרבעטער כדי צו באַקומען דערפאַרונג און אַרויסוויַיזן זייערע פיעאיקייטן, וועט אין יעדן איינצלנעם פאַל זיין א פאַרשיידענע, אָפּהייננגיג פונם איינצלנעם איבערוואַנדערער אָבער אין די מערסטע פאַלן וועט עס ניט זיין וויניקער ווי איין סעזאָן.

5) אז בא דער אויסוואַל פון די צוקינפטיגע קאָלאָניסטן זאָל מען זיין זייער פּאָרזיכטיק, אַז נאָר אַזעלכע זאָלן אַריבער־געפירט ווערן קיין בירא־בידזשאַן בא וועלכע עס איז פאַראַן אַ וואַרשיינלאַכקייט פון דערפאָלג.

6) אַז דער איבערוואַנדערער זאָל באַקומען געגנוג געלט אויף רייזע־הוצאות אין דער פאָרם פון אַ הלואה וואָס זאָל צוריקגעצאָלט ווערן פון די שכירות וואָס ער וועט פאַרדינען אַלס אַרבעטער און אַז ביז דער פּעריאָד פון פּראָבע און לערנען וועט זיך פאַרענדיקן, זאָל ער ניט באַקומען מער קיין קרעדיטן. ערשט נאָכדעם זאָל פאַר אים אויסגעטיילט ווערן אַן אַנטשפּרעכנד שטיק לאַנד און ער ווערט אַן אמת'ער קאָלאָניסט.

7) אַז אין דעם מאָמענט, ווען דער קאָלאָניסט באַקומט צוגעטיילט זיין לאַנד און ער ווערט באַזאָרגט מיט דער נויטיקער אויסשטאַטונג, זאָל מען אים געבן אַ חשבון פון אַלע אויסגאַבן ביז צו דעם מאָמענט, און מען זאָל אים געבן וויַיטערדיקע קרע־דיטן, כדי ער זאָל זיך קאָנען שטעלן צו דער אַרבעט.

8) אַז נאָך דעם ווי דער קאָלאָניסט נעמט איבער די פאַר־אַנטוואָרטלאַכקייט פאַר זיין ווירטשאַפט, זאָל אַן אָרגאַנאַם אים געבן רעגלמעסיק די נויטיקע הילף און אָנווייזונג.

9) אַז דער קאָלאָניזאַציע־פּלאַן זאָל אַזוי אויסגעבריַיטערט ווערן, אַז מען זאָל מיטהעלפן אויך אַנדערע איבערוואַנדערער צו באַזעצן זיך אין בירא־בידזשאַן אַחוץ די וואָס ווילן ווערן ערד־אַרבעטער. אין די קאָלאָניעס דאַרף מען האָבן בוי־אַרבעטער און ערפאַרענע באַלמעלאָכעס כדי צו באַזאָרגן אַלע באַדערפעניש ן פון דער קאָלאָניע. די קאָמיסיע איז מיט דער מיינונג, אַז קרעדיטן פאַר רייזע־הוצאות און פאַרן בויען פון הייזער זאָלן

געגעבן ווערן צו די דאָזיקע איבערוואַנדערער אויף דעם זעלבן אופן ווי קרעדיטן צו די ערד־אַרבעטער.

## קאָאָפּעראַציע

די קאָמיסיע האַלט פאַר נויטיק אונטערצושטרייכן די באַדייטונג פון קאָאָפּעראַציע ביים קאָלאָניזירן אַ ניי לאַנד. די מערסטע קאָלאָניסטן קומען געוויינלאַך אָן די נויטיקסטע מיטלען. זיי האָבן נישט דעם קאַפּיטאַל וואָס פאָדערט זיך צו קויפן די אויסשטאַטונג וואָס זיי באַדאַרפן. אויב אָבער אַ געוויסע צאָל פאַראייניקט זיך, קאָנען זיי מיט זייערע בשותּפות׳דיקע מיטלען קויפען די אויסשטאַטונג וואָס זיי אַלעמען באַדינען.

עס זיינען פאַראַן פיל אַרבעטן אויף די פעלדער ווי צום ביישפּיל אַקערן און דרעשן, וואָס קאָן פיל בעסער דורכגעפירט ווערן אויף גרויסע שטרעקעס ווי אויף קליינע. דאָס פאָדערט, אַז גרויסע שטרעקעס וואָס קאָנען באַדינען אַ גרעסערע צאָל פון קאָאָפּעראַטיווע אייגנטימער, זאָלן זיך געפינען אין בשותּפות׳דיקן אייגנטום און באַאַרבעט ווערן מיט גרעסערע מאַשינען.

אַ גלענצנדע געלעגנהייט פאַר קאָאָפּעראַטיוון אייגנטום גיט אויך דאָס האָדעווען פון מוסטער־טיפּן פון בהמות.

אין דעם איינקויפן פון אויסשטאַטונג און אין דעם פאַרקויף פון פּראָדוקטן האָט זיך קאָאָפּעראַציע שוין לאַנג אַרויסגעוויזן פאַר אַן ערפאָלג.

אַ צאָל קאָלעקטיוון אין די פאַרשיידענע קאָלאָניעס זיינען שוין היינט צופרידן אָנצופירן אַלע זייערע אַרבעטן אויף אַ קאָאָפּעראַטיוון אופן. עס קאָן זיין, אַז דאָס קאָן נאָך פיל מער אויסגעברייטערט ווערן, באַזונדערס אין די ערשטע יאָרן פון דער קאָלאָניזאַציע. די קאָמיסיע איז מיט דער מיינונג, אַז קאָאָפּעראַציע דאַרף דערמוטיקט ווערן אומעטום וואו זי קאָן דורכגעפירט ווערן מיט נוצן פאַר די קאָאָפּעראַטאָרס. עס איז קיין צווייפל ניט, אַז נייע מעטאָדן וועלן אין דעם פּרט אַנטוויקלט ווערן פון יאָר צו יאָר.

## די אויסזיכטן

פאַרענדיקנדיק דעם באַריכט וויל די קאָמיסיע נאָכאַמאָל איבער'חזר'ן איר פאַרטרויען אין די מעגלאַכקייטן פון בּיראָ־בּידזשאַן און פונם רוסישן ווייטן מזרח. עס איז אַ ריזיקע לאַנד וואָס האַלט זיך אין בּויען. עס פאַרמאָגט פיל נאַטירלאַכע רייכטימער וואָס קאָנען פּראָדוצירן אַ סך אַגריקולטורעלע און אינדוסטריעלע עשירות כדי צו דערנערן גרויסע מאַסן מענטשן. עס איז ניט פאַראַן קיין שום גרונט פאַרוואָס די געגנט זאָל זיך ניט אַנטוויקלען אין אַ געדיכט באַוואוינטן געגנט, און די קאָלאָניסטן אין צופרידענע און גוט־פאַרזאָרגטע מענטשן. די קאָמיסיע מאַכט די דאָזיקע באַהויפּטונג מיט פולער איבערצייגונג, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון אַן ערנסטער און אומפּאַרטייאישער אויספאָרשונג.

געוויס זיינען פאַראַן אין בּיראָ־בּידזשאַן, ווי אין אַלע פּיאָנער־לענדער, שווערע פּראָבלעמען וואָס דאַרפן געלייזט ווערן. די פיזישע באַדינגונגען פון דער געגנט זיינען ניט פּונקט די זעלבּע ווי די, וואָס מען טרעפט אָן ערגעץ אַנדערש, און צוליב דעם דאַרף מען זיי זייער אויפמערקזאַם שטודירן, כדי זיי אויסצונוצן פאַר די קאָלאָניסטן אויפן בעסטן אופן. די קאָמיסיע האָט געהאַלטן פאַר איר פליכט אָנצואווייזן אינם באַריכט אויף די שוועריקייטן און זיי אונטערצושטרייכן. צו דער זעלבער צייט פילט זיך די קאָמיסיע באַרעכטיקט צו באַהויפּטן, אַז זי האָט ניט געפונען אין בּיראָ־בּידזשאַן קיין שום שוועריקייטן, וועלכע מען זאָל ניט קאָנען בּייקומען דורך פלייסיקער אַרבּעט און דורך אינטעליגענטער אָנווענדונג פון מאָדערנע טעכנישע אָרגאַניזאַציאָנעלע מעטאָדן.

נעמענדיג דאָס לאַנד ווי עס איז, און טראַכט די שוועריקייטן פון פּיאָנערטום, בּאַ אַן אינטעליגענטער און מיטפילנדיקער אָנפירונג, און מיט דער נויטיקער מאַטעריעלער אונטערשטיצונג, קאָן מען דערוואַרטן, אַז די צוקינפטיקע אידישע קאָלאָניסטן וועלן פאַרוואַנדלען בּיראָ־בּידזשאַן אין אַ גוט אַנטוויקלט בליענדיק לאַנד און אַזוי פאַרווירקלאַכן די האָפענונגען און שטרעבונגען וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן דערפאָלג פונם פּראָיעקט.

# ריקאָוו'ס ענטפער צו דער „איקאָר" עקספּערטן־קאָמיסיע וועגן דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין בירא־בידזשאַן.

די „איקאָר" עקספּערטן־קאָמיסיע קיין בירא־בידזשאַן, זייענדיק אין מאָסקווע אויף דעם וועג צוריק קיין אמעריקע, האָט געהאַט אַ שמועס מיט'ן פּרעזידענט פון סאָוונאַרקאָם, א. ריקאָוו, און האָט אים צוגעשטעלט אַ שריפטלאַכע אָנפראַגע בנוגע דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין בירא־בידזשאַן. דאָ גיבן מיר דעם פולן אינהאַלט סיי פון דער אָנפראַגע און סיי פון דעם ענטפער.

צום פאָרזיצער פון סאָוונאַרקאָם פון פאַרבאַנד פון סאָציאַליסטישע סאָוועטן רעפּובליקן, א. אי. ריקאָוו:

באַנוצנדיק זיך מיט אייער פריינטלאַכער הסכמה צו געבן דער „איקאָר" עקספּעדיציע אַ שריפטלאַכן ענטפער אויף עטלאַכע פראַגן, וועלכע אינטערעסירן זי, דערלויבן מיר זיך אייך צו שטעלן די פאָלגנדיקע פראַגן:

1) די אויספאָרשונג פון בירא־בידזשאַן האָט איבערצייגט אונזער עקספּעדיציע אין די ברייטע מעגלאַכקייטן פאַר ערד־אַרבעט און אויך פאַר אינדוסטריעלער קאָלאָניזאַציע אין דער דאָזיקער טעריטאָריע, וואָס איז דורך אַן אַקט פון דער רעגירונג אויסגעטיילט געוואָרן צו באַזעצן זי מיט אידישע האָרעפּאַשניקעס. צי האָט די רעגירונג ניט בדעה אין צוזאַמענהאַנג מיט די אויספירן פון דער עקספּעדיציע צו פאַרשטאַרקן דעם טעמפּ פון דער קאָלאָניזאַציע אין בירא־בידזשאַן און צוגעבן איר אַ געוויסע אינדוסטריעלע ריכטונג?

2) צי האָט די רעגירונג בדעה,—אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער סאָוועטן־מאַכט און אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער לאַגע

פון די אידישע מאסן אין סאָוועטן־פארבאנד, וועגן וועלכער (די לאגע פון די אידן) איר האָט אונז אין אונזער שמועס מיט אייך מיטגעטיילט,—צו געבן דער פראגע פון באזעצן ביראָ־בידזשאַן מיט אידישע האָרעפּאַשנע מאסן א געוויסן שלאָג־כאראקטער, איינשליסנדיק זי אין פינף־יאָריקן פלאַן?

3) צי האלט ניט די רעגירונג פאר צוועקמעסיק צו שאפן פאר ביראָ־בידזשאַן אַן איינהייטלאכן ווירטשאפטלאך־פלאנירנדיקן אָרגאַן, וואָס זאָל אָנפירן מיט דער גאנצער עקאָנאָמיק פון דעם לאנד? לויט דער מיינונג פון דער עקספּעדיציע איז עס א נויטווענדיקייט, וואָס נעמט זיך פון דער אייגנארטיקייט פון׳ם לאנד און פון די פּראָבלעמען, מיט וועלכע עס איז פארבונדן דאָס איינלעבן זיך אין דער ניט־באוואוינטער טעריטאָריע.

4) וואָס פאר א נאציאָנאלע פּערספּעקטיוון קענען זיין אין ביראָ־בידזשאַן פאר די האָרעפּאַשנע אידן, ביי א דערפאָלגרייכער און שנעלער באזעצונג אין דעם לאנד? די דאָזיקע פראגע אינ־טערעסירט זייער די אויסלענדישע ברייטע געזעלשאפטלאכקייט, ספּעציעל די אמעריקאנישע.

אונטערגעשריבן:

פאָרזיצער פון דער „איקאָר“ עקספּעדיציע,

מאָסקווע, אָקטאָבער, 1929. פּראָפ. הערים.

## דער ענטפער פון פּרעזידענט א. אי. ריקאָוו:

אַלס ענטפער אויף אייערע שריפטלאכע אָנפראגן, וואָס זיי־נען מיר פאָרגעלייגט געוואָרן אין צוזאמענהאנג מיט אונזער שמועס וועגן די פּערספּעקטיוון פון באזעצן ביראָ־בידזשאַן, קען איך אייך לאָזן וויסן, אַז דאָס באזעצן ביראָ־בידזשאַן איז אריינ־געשלאָסן אין פינף־יאָריקן פלאַן, לויט וועלכן דאָס דארף ארומ־נעמען 12,000 אידישע משפּחות, דאָס הייסט ארום 60,000 פּער־זאָן. אחוץ דעם דאָזיקן ראיאָן, זיינען נאָך פאָראויסגעזען אנדע־רע ראיאָנען (קרים) פאר די האָרעפּאַשנע מאסן פון דער אידי־שער נאציאָנאליטעט. און צוליב דעם ווערן דורך דער רעגירונג אויסגעטיילט די נויטיקע ערד־פאָנדן און מיטלען. די שטרעבונג פון דער סאָוועט־רעגירונג צו העלפן דער אידישער אָרעמקייט צו

פאַרבעסערן זייער מאַטעריעלע לאַגע דורך צוציען זי צו פּראָדוק־טיווער טעטיקייט, ספּעציעל אין געביט פון ערד־אַרבעט, האָט באַוואויגן די רעגירונג צו אַסיגנירן באַדייטנדיקע סומען צו העלפן אין דעם.

עס איז אודאי געוואונשן, אַז דער פּלאַן פון באַזעצן אידן אין בירא־בידזשאַן, אויף וויפיל דאָס איז געזיכערט דורך די נאַטירלאַכע באַדינגונגען, זאָל פאַרגרעסערט ווערן. נאָר גלייכ־צייטיק דערמיט מוז אויך גענומען ווערן אין אַכט, אַז די רעגירונג פון פ. ס. ס. ר. איז איצט ניט אימשטאַנד אויסצוטיילן דערפאַר נייע צוגאָב־מיטלען. דעריבער, אויף דער פראַגע, צי וועט אין דער צוקונפט זיין מעגלאַך פאַר דער רעגירונג פון פאַרבאַנד אויסצוטיילן גרעסערע צוגאָב־מיטלען, קען איך דערוויל גאָר ניט זאָגן באַשטימט ; עס ווענדעט זיך אין דעם, צי עס וועלן דערויף איבערבלייבן מיטלען, נאָכדעם ווי עס וועלן באַפרידיקט ווערן אַנדערע, נאָך מער דרינגענדיקע נויטן פון דער מלוכה און פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט. אַזוי איז אויך שווער איצט צו זאָגן עפּעס באַשטימטעס אין דער פראַגע וועגן דער גרויס פון דער רעגירונגס־הילף פאַר דער אַנטוויקלונג פון אינדוסטריע אין בירא־בידזשאַנער ראַיאָן.

די אינטערעסן פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט, אין גאַנצן גענומען, פאָדערן, אַז די רעגירונג זאָל אין דער ערשטער ריי אויסגעבן געלט־מיטלען פאַר אַנטוויקלען די אינדוסטריע אין די ראַיאָנען, וואָס האָבן די גינסטיקסטע באַדינגונגען דערפאַר, סיי לויט זייערע נאַטירלאַכע מעגלאַכקייטן, סיי לויט זייערע מיטלען פון קאָמוניקאַציע. דער זעלבער פּרינציפּ וועט, פאַרשטייט זיך, זיין אָנגעווענדט אויך צום בירא־בידזשאַנער ראַיאָן מיט זיינע רייכע נאַטירלאַכע מעגלאַכקייטן.

וועגן שאַפן אַן איינהייטלאַכן אָרגאַן, וועלכער זאָל פּלאַנעווען דאָס ווירטשאַפטלאַכע לעבן פון לאַנד, דענק איך, וועט ניט אַרויסרופן קיין געגנערשאַפט, ווייל אַזאַ אָרגאַניזאַציע וועט העלפן בייקומען די שוועריקייטן, וואָס מיט זיי איז פאַרבונדן דאָס ווירטשאַפטלאַכע איינגעמען פון דעם ניט־באַוואוינטן לאַנד.

וואָס איז שייך די פּערספּעקטיוון פאַר אַנטוויקלען אַ נאַ־

ציאָנאַלע קולטור פאַר דער אידישער באַפעלקערונג, ווען זי זאָל שנעל און דערפאָלגרייך זיך באַזעצן אין בירא־בידזשאַן, איז זעלבסט־פאַרשטענדלאַך, אַז דער גרונט־פּרינציפּ פון דער סאָ־וועטישער אָרדענונג — פרייהייט פון נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פאַר אַלע פעלקער, וואָס גייען אַריין אין פ. ס. ס. ר.,—וועט פולשטענדיק אָנגעווענדעט ווערן אויך צו בירא־בידזשאַן. די פאַרזיכערונג פון די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון דער אידישער באַפעלקערונג אין בירא־בידזשאַן איז שוין פון לכתחילה גאַ־ראַנטירט דורך דעם געהעריקן באַשלוס פון דער רעגירונג.

אין אַלגעמיין איז די פּאָליטיק פון דער ראַטן־מאַכט אַזעל־כע, אַז עס זיינען ניט פאַראַן קיין שטערונגען צו שאַפן נאַציאָ־נאַלע אויטאָנאָמע געגנטן, אויף וויפיל עס איז פאַר דעם דאָ אַ יסוד. אַזוי האָבן מיר שוין אַ סך צענדליקע אידישע דאָרף־ראַטן (קאַלינינדאָרף אין דער כערסאָנשטשינע); ס'איז שוין פאַראַן אַ באַשלוס וועגן שאַפן נאָך צוויי אידישע ראַיאָנען אין קריוואָי ראָג און אין דעם זאַפּאָראָזשער־מאַריופּאָלער קרייז. *) די פראַגע וועגן שאַפן אַן אויטאָנאָמע געגנט אין בירא־בידזשאַן הענגט אַזוי אַרום אָפּ בלויז אין דעם דערפאָלג פון דער אידישער באַזעצונג אין דעם דאָזיקן ראַיאָן.

פאָרזיצער פון סאָוונאַרקאָם פ. ס. ס. ר.,

א. אי. ריקאָוו.

*) דער זאַפּאָראָזשער־מאַריופּאָלער ראַיאָן איז שוין אָרגאַני־זירט געוואָרן — רעד.

# רעזאָלוציע

אָנגענומען אויף דער זיצונג פון „קאָמזעט“, דעם 1טן אָקטאָבער 1929, אין דער אַנוועזנהייט פון די מיטגלידער פון „קאָמזעט“, פון צענטראַל פאַרוואַלטונג פון „געזערד“, פון נאַציאָנאַליטעטן אָפּטיילונג פון „וציק“, פון אַלפאַרבאַנדישן איבערוואַנדערער קאָמיטעט, פון „איקאַ“, פון „אַגראָ־דזשאָינט“, פון „אָרט“־פאַרבאַנד און פון אַלע מיטגלידער פון דער „איקאָר“ עקספּערטן־קאָמיסיע קיין בירא־בידזשאַן.

1) דער „קאָמזעט“ נעמט אין אַכט מיט באַזונדערער צופרידנקייט די אויספירונגען פון דער „איקאָר“־קאָמיסיע וואָס באַשטייען אין פאָלגנדיקן:

א) בירא־בידזשאַן שטעלט מיט זיך פאָר אַ ראַיאָן, וואָס איז פולשטענדיק צוגעפּאַסט צו אַ גרויסער קאָלאָניזאַציע; דער ראַיאָן האָט אַ פּאַסיקן באָדן. עס זיינען פאַראַן גרויסע שטחים ערד, אויף וועלכע מען קאָן אַנטוויקלען זייער ווערטפולע קולטורן און אַן אינטענסיווע פיצוכט, נאָכדעם ווי עס וועלן באַזייטיקט ווערן די עקזיסטירנדיקע שוועריקייטן.

ב) די גרויסע וואַלד־רייכטימער וואָס זיינען ביז איצט ווייניק אויסגענוצט גיבן אַ מעגלאַכקייט צו אַנטוויקלען נייע אינדוסטריעס אינ'ם ראַיאָן. די אַנוועזנהייט פון אייזן, מינעראַלן, בוי־מאַטעריאַלן א. אַ. וו. פאַרגרעסערט אין אַ גרויסער מאָס די קאָלאָניזאַציע־מעגלאַכקייט אין דעם ראַיאָן.

ג) אַ גאַנצע ריי שוועריגקייטן נעמט זיך דערפון וואָס דאָס לאַנד איז פולשטענדיק רוי. דאָ דאַרף מען ערשט אויפבויען דאָס אַלץ וואָס די איבערוואַנדערער האָבן שוין געזען פאַרטיגס אין זייערע אויסוואַנדערונגס ערטער: וועגן, בריקן, הייזער, די וויכטיקסטע פּראָדוקטן און אַזוי ווייטער.

אָנווייזנדיק אויף די דערמאָנטע שוועריגקייטן, האָט די קאָ־

מיסיע גלייכצייטיק באמערקט דעם באדייטנדיקן דערפאָלג פון דער קאָלאָניזאַציע, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אַ דאַנק די באַמי־אונגען סיי פון דער פאַרוואַלטונג און סיי פון די איבערוואַנדערער גופא, וועלכע זיינען באַגייסטערט געוואָרן פון די נייע מעגלאַכ־קייטן. גלייכצייטיק איז נויטיק אָנצואווייזן אויף דער ניט גע־ניגנדער צוגרייטונג און אויספאָרשונג מצד דער פאַרוואַלטונג און אויף דעם ניט גענוג פאָרזיכטיקן אָפּקלייב פון די איבערוואַנ־דערער, פון וועלכע אַ טייל האָט זיך ארויסגעוויזן — צוליב זייערע פּערזענלאַכע אייגנשאַפטן — ניט צוגעפּאַסט צו די שווע־ריקייטן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם איינאָרדנען זיך אין אַ ניי אומבאַוואוינט לאַנד.

2) אָננעמענדיג די ווערטפולע רעקאָמענדאַציעס פון דער עקספּערטן־קאָמיסיע בנוגע דעם אַלגעמיינעם פּלאַן פון דער אַר־בעט אין בירא־בידזשאַן (באַזונדערס וועגן מעליאָראַציע, טראַנס־פּאָרט, קאָרטשעוועז, הייזער־בוי און אַזוי ווייטער) און אויך די רעקאָמענדאַציעס וועלכע טראָגן אַ אָרגאַניזאַציאָנעלן כאַראַקטער, אינסטרואירט דער „קאָמזעט" דעם סעקרעטאַריאַט צו באַשטימען צוויי קאָמיסיעס: איינע — וועגן דער פראַגע וועגן דעם אַלגע־מיינעם אַרבעט־פּלאַן און אַ צווייטע — פאַר דער פראַגע פון אָרגאַניזאַציע; באַאויפטראָגן די קאָמיסיעס צו שטודירן די דאָ־זיקע פראַגן באַנוצנדיק זיך מיט די רעקאָמענדאַציעס פון דער קאָמיסיע און צושטעלן זייערע אויספירן ניט שפּעטער ווי דעם 1טן יאַנואַר 1930.

פּרינציפּיעל האַלט דער „קאָמזעט" פאַר ריכטיק דעם שטאַנד־פּונקט פון דער קאָמיסיע וועגן באַשטימען איין־איינציגע צענ־טראַלע פאַרוואַלטונג און שאַרף אָפּגרעניצן די אַרבעט פון די אָנפירנדיקע אָפּעראַטיווע אָרגאַנען. דער אַרבעט־פּלאַן דאַרף ווערן גענוי דורכגעטראַכט און אויסגעפּלאַנט אין דער גאַנצער גרויס. דער מאַסשטאַב פון דער לויפנדיקער אַרבעט דאַרף באַדייטנד ווערן אויסגעברייטערט און דער טעמפּ פאַרשנעלערט. עס פאַר־דערט זיך, אַז די אַרבעט זאָל מעכאַניזירט ווערן און אַז די איבער־וואַנדערער זאָלן אָרגאַניזירט ווערן אין קאָלעקטיוון, באַלד פון סאַמע אָנהויב אָן.